STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04052

45 YOR HAVERSHAFT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

45

יאָר

חברשאַפט

רעדאַקטירט פון

יעפים ישורין

אַרויסגעגעבן לכבוד דעם

פינף און פערציק יאָריקן יובל

פון דעם

נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב

•

דעצעמבער 27, 1958

Printed in U. S. A.
by Futuro Press, New York, N. Y.

200

אונדזערע גענעראַל־סעקרעטאַרן פון קלוב פאַר די לעצטע 45 יאָר



נייטען פיינערמאַן



וויליאַם באַקסט

יעפים ישורין

יעפים ישורין

גלאָררייכע 45 יאָר פון אונדזער קלוב

פון די 45 יאָר, וואָס דער קלוב עקזיסטירט (ער איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם יאָר 1914), איז מיר באַשערט געוואָרן צו שטיין ביים רודער פון דער מערקווירדיקער אָרגאַניזאַציע 33 יאָר.

איך קען זיך ניט באַצייכענען אַלס גרינדער פון קלוב, איך בין צוגעצויגן געוואָרן צום קלוב ערשט מיט דריי וואָכן שפּעטער, ווען דער אַרבעטער־רינג האָט אָפּגעהאַלטן די 14טע קאָנווענשאָן אין דער שטאָט ניו היווען. די ניו הייווענער קאָנווענשאָן איז געווען איינע פון די שטורעמדיקסטע וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט ווען עס איז געהאַט. אויף יענער היסטאָרישער קאָנווענשאָן, איז אויפגענומען געוואָרן די י. וויינטרויב אָפּערע און עס האָבן זיך געשאַפן צדדים, וועלכע האָבן געוואָרפן דעם שולד איין צד אויף דעם אַנדערן.

מיר איז די וויינטרויב אָפּערע זייער גוט באַקאַנט. איך בין אין יענעם יאָר געווען דער סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע, וועלכע האָט דעמאָלט עקזיסטירט פּאַראַלעל מיט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע און דער ערשטער אָנזאָג וועגן אָט דער אי־בערראַשנדיקער אַנטדעקונג איז געקומען צו מיר, אַלס סעקרעטאַר פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע, צו וועמען דער אַדיטאָר פלעגט באַריכטן וועגן זיינע אונטערזוכונגען אין די ביכער.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די 13טע קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג אין פילאַ־דעלפיע. געציילטע מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און פון דער קאָנטראָל־קאָמיטע האָבן געוואוסט וואָס עס איז אַנטדעקט געוואָרן וועגן וויינטרויבן. די קאָנווענשאָן איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ שווערער שטימונג פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן גע־וואוסט, אַז באַלד נאָך דער קאָנווענשאָן וועט מען דאַרפן אינפאָרמירן די גאַנצע נאַציאָ־נאַלע פאַרוואַלטונג וועגן דער איוספאַרשונג וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן קאָנפידענציעל, און דאָס מען וועט דאַרפן מעלדן וועגן דעם פאַר דער גאַנצער עפנטלעכקייט. וויינטרויב האָט באַגלייט די דעלעגאַטן און די באַאַמטע ביים באַן, און האָט געזאָלט אויף מאָרגן זיך אומקערן אין ניו יאָרק, אָבער — מער האָבן מיר אים שוין ניט געזען. אַנשטאָט אומקערן זיך אין אָפּיס איז ער אָפּגעפאָרן מיט דער ערשטער מעגלעכער שיף נאָך איירֿאָפּע.

איך דערצייל איצט וועגן דעם אינצידענט מיט וויינטרויבן, אַלס אַן אילוסטראַציע פון דער גרויסער ראָלע וואָס אונדזער קלוב האָט געשפּילט אין יענע שטורעמדיקע יאָרן פון 1913־1914, ווען עס איז אויפגעריסן געוואָרן די וויינטרויב־אָפּערע און ווי אַזוי, אַ דאַנק דער פּראַקטישער פירערשאַפט פון קלוב, איז דער אַרבעטער־רינג ניט אויפ־געריסן געוואָרן.

די וויינטרויב אָפּערע איז געווען ניט די איינציקע וועלכע האָט אויפגעשטורעמט דעם אַרבעטער־רינג און האָט אים זייער לייכט געקענט אומברענגען, ווען ניט די אי־בערגעבנקייט פון אונדזערע וויכטיקסטע טוער איבערן גאַנצן לאַנד (מיטגלידער פון קלוב), וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער געהעריקער וואַך.

דער קאַמף צווישן די יונגע און די אַלטע איז געווען אַ פאַרביטערטער. דאָס איז ניט געווען אַ קאַמף פאַר פּרינציפּן — נאָר אַ קאַמף פאַר באַהערשן און פאַרכאַפּן די פירער־שאַפט פון אַרבעטער־רינג און ווען די יונגע האָבן אין יאָר פאַרכאַפּט די פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־רינג, האָט מען זיי באַזייטיקט פון זייערע פּאָזיציעס און איבערגעגעבן פון דאָס ניי די פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע צו די עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט

געהאַט קיינע פּערזענלעכע מאָטיוון אָדער אַמביציעס, אויסער איין באַגער אַפּצוהיטן די ריינקייט און דעם נאָמען פון אַרבעטער־רינג פון אַלע זיינע פיינדלעכע עלעמענטן.

ווען עס איז אַרויפגעשוואומען דער קאַמף צווישן רעכטע און לינקע אין אַרבעטער־רינג, איז דער קאַמף אַנגעפירט געוואָרן אומדירעקט פון אונדזער קלוב, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון אַרבעטער־רינג — צו ראַטעווען אים פון די נעגל און לאַפּעס פון די קאָמוניסטישע עלעמענטן. דאָס איז געווען אַ ביטערער קאַמף, וועלכע האָט געפאָדערט אַ סך כוחות, ענערגיע, מוט און איבערגעבנקייט און אונדזערע קאַמעראַדן האָבן אַרויסגעוויזן מערקווירדיקע קלוגשאַפט, טאַקט און גבורה צו באַזיגן דעם שונא, וועל־כער האָט געהאַלטן אין איין באַמבאַרדירן די אָרגאַניזאַציע, אַבי נאָר צו צעשפּליטערן די כוחות און אים צו פאַרניכטן. אַ דאַנק דער לאָיאַליטעט פון אונדזערע מיטגלידער האָבן מיר באַזיגט די שונאים און געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג.

אַ ריי אַנדערע צוזאַמענשטויסן זיינען פאָרגעקומען אין דעם לעבן פון אַרבעטער־רינג און דער קלוב איז אַלע מאָל געשטאַנען אין דינסט פון אַרבעטער־רינג.

דערפאַר איז אונדזער יום־טוב, 45 יאָר עקזיסטענץ פון קלוב, אַזוי גרויס. דערפאַר האָבן מיר אַ באַרעכטיקונג צו פרייען זיך און גראַטולירן איינער דעם אַנדערן. מיר האָבן בייגעטראָגן אונדזער אַרבעטער־רינג אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, מיר גרויסן זיך מיט אונדזערע אויפטואונגען. מיר פאָדערן ניט קיין באַלוינונג דערפאַר. אַלץ וואָס מיר ווילן איז, אַז דער צוקונפטיקער היסטאָריקער פון אַרבעטער־רינג, זאָל אונדז געבן אַביסל קרעדיט פאַר דער ראָל וואָס אונדזער קלוב האָט געשפּילט אין דעם לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע.

אַזוי לאַנג ווי אונדז איז באַשערט צו לעבן, אַזוי לאַנג ווי דער קלוב וועט עקזיסטירן, וועט ער זיין אין דינסט פון אַרבעטער־רינג. מיר באַטראַכטן זיך אין אַרבעטער־רינג אַלס די „נעשאָנעל גאַרד", אַזוי ווי די „נעשאָנעל גאַרד" שטייט אַלע מאָל אין דינסט פון דעם, אָדער יענעם שטאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ שווערן און שטעכיקן וועג פאַר די 45 יאָר און היינט מער ווי אין אירגענד וועלכער אַנדער צייט, נויטיקט זיך דער אַרבעטער־רינג אין אונד־זערע כוחות. לאָמיר טאַקע זיין באַהילפיק דעם אַרבעטער־רינג אין די איצטיקע שווערע צייטן וואָס ער לעבט איבער, אַזוי ווי אין אונדזערע ייִנגערע יאָרן האָבן מיר געהאָלפן אים צו שטאַרקן און באַפעסטיקן; לאָמיר איצט, אין די עלטערע יאָרן, אָפּרופן זיך אויף יעדן רוף וואָס עס קומט פון אַרבעטער־רינג פירערשאַפט.

זאָל קיינער ניט וואַגן צו צווייפלען אין אונדזער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. מיר האָבן קיין מאָל ניט געוואָלט דיקטירן אָדער רעגירן איבערן אַרבעטער־רינג, אַלץ וואָס מיר האָבן געוואָלט איז צו רעגולירן דעם אַרבעטער־רינג און אויף דעם געביט האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ סך דערגרייכונגען לטובת דעם אַרבעטער־רינג צו וועלכן מיר אַלע, טאַקע אַלע, האָבן גרויסע פאַרפליכטונגען.

לאַנג לעבן זאָל נאָך דער אַרבעטער־רינג!

לאַנג ווירקן זאָל נאָך אונדזער קלוב!

Daniel E. Ifshin--Presidents Message

Until you are the national president of the National Social Club you cannot begin to know how great are the burdens and worries which go with this high office. Not every president has been able to survive a whole year's term of office. If it should be my good fortune to survive it will only be because the responsibility is too big for me to desert it within my term.

In the rare moments in which I have time to contemplate the day when I will be relieved of this burden, I realize how great an honor it is and how much I should be thankful to those who conferred it upon me. And I also can think only with respect and affection for all the splendid Workmen's Circle activists who make up our club. On this 45th anniversary it is my pleasure to greet each and every one of them and to extend my best wishes for good health and for many more years of activity within the Arbeter Ring and within the Social Club.

I have heard say that the club has from the beginning rendered invaluable service in bringing together the most constructive forces in the Workmen's Circle, to help it protect its ideals, its traditions, and its well being. I know that it has called forth an extraordinary loyalty and devotion directed towards making the Workmen's Circle the greatest Jewish fraternal and cultural organization in the world.

The club has fostered a spirit of comradeship and gaiety, to deepen the spirit of friendship among its members. It has been able to weld its members into a solid group of people who believe in the principle of brotherhood and who work as one towards the cultural and social advancement both of Jewish life and of all humanity.

The worth of a group is not measured in its size or in the prominence or wealth of its members, but rather in the extent to which it unselfishly devotes itself to serving its members and its community. By this measure, our Social Club can stand on the highest level.

Others among us may recall many of the highlights and interesting moments of our 45 years of experience, but no one can fail to give a special place to the role of Ephim Jeshurin in the development of the club as a source of strength to the Workmen's Circle. He has by his devotion inspired us to give ourselves to the Workmen's Circle with greater effort and dedica-

tion than might have been our normal inclination. For this we are deeply grateful to him.

On this 45th anniversary we salute not only the club but also our tireless chief, and we rededicate ourselves to our movement, to its aims and ideals, to the fullest realization of all we believe in through our beloved Workmen's Circle.

א. מאָנטרעאָלער

אַ בריוועלע צום טשיף

(מיט אַפּאָלאָגיעס צו נחומען)

הערן מיר, אַז איר קלייבט זיך פֿייערן דעם 45טן יובל פֿון קלוב. איז פֿאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט פֿרייען? ס'קאָסט אונדז טייער? ווייל ווען מיר האָבן געהאַט דעם באַנקעט הגדול אין מאָנטרעאָל, בעת דער קאָנווענשאָן, האָבן מיר זיך ווינציק וואָס געפֿרייט, פּשוט דערפֿאַר, ווייל אונדזער אייגענער פֿיד־טשיף (מירמאַן בלע"ז) איז אונדז דערגאַנגען די יאָרן, פֿאַרוואָס ס'איז נישט געווען קיין „העד־טייבל", וואָלט דאַן די גאַנצע וועלט געוואוסט, אַז ער איז נישט אַבי־ווער... מיר ריידן שוין ניט וועגן די קאָסטן... ווייל מ'שיקט אונדז נאָך איצט בילס פֿאַרן עקסטשיידזש.

און דער זעלבער פֿיד־טשיף בורטשעט מיר נאָך איצט אין אויער, און בייזערט זיך אויף זשיטלאָווסקין, וואָס ער האָט נאָך אין 1913 געזאָגט, אַז 40 פּראָצענט פֿון די מיטגלידער פֿון אַרבעטער־רינג זיינען אַנאַלפֿאַבעטן. איך מיין, אַז ווען דער זעלבער זשיטלאָווסקי וואָלט אָבער איצט געווען ביי אונדזער באַנקעט הגדול אין מאָנטרעאָל, וואָלט ער זיכער געענדערט דעם פּראָצענט, איך ווייס ניט צי אַרויף אָדער אַרונטער... וואָס דאָס ווייזט, אַז מיר זיינען אַ דינאַמישע אָרגאַניזאַציע, מיר שטייען ניט אויף איין אָרט. ווייל וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, ליבער טשיף, דער קולטורעלער ניוואָ פֿון אונדזער באַנקעט הגדול איז געווען זייער הויך. נאָך אַלעמען זענט איר דאָך אַליין אַן עדות אַז קיין איינער האָט אַפֿילו ניט געכאַפּט מיט אַ באָטל אין קאָפּ... און אַפֿילו אין דעם איז ניט שולדיק אונדזער פֿיד־טשיף, ווייל איר ווייסט דאָך אַליין, אַז ער האָט גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט דעם, און זיכער האָט ער גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט שלעפּן אייך צו „רובי־פּו" און געוויס איז ער ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך, וואוהין אונדזערע קלובניקעס זיינען אַליין געגאַנגען. כאָטש אַז אָך און וויי, אַז אַלע זיינען זיי געקומען מיט די אייגענע ווייבער. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט פֿון דעם פּסוק, אַז „קיין טולע קומט מען ניט מיט אַן אייגענעם סאַמאָוואַר"...

איז, לאָמיר האָפֿן, אַז אַלע רעדנער ביים באַנקעט וועלן זיך אַזוי אָנשיכורן, אַז זיי וועלן פֿאַרגעסן צו דערציילן, וואָס דער אַרבעטער־רינג איז, ווער דער אַרבעטער־רינג איז, אַז דאָס איז אַן אָרדען מיט אַ נשמה, נישט ווי אַלע אַנדערע „צעצייטעס", וואָס טראַכטן נאָר וועגן סעמעטערי.

און אַזוי, ליבער טשיף, פֿאַרענדיק איך מיין בריוועלע מיט די בעסטע וואונטשן צו דער גאַנצער כאַליאַסטרע צום 45טן יובל, און איך פּערזענלעך ווינטש אייך איר זאָלט האָבן אַ סך נחת פֿון זיי, און זיי פֿון אייך, פֿאַר פֿיל, פֿיל יאָרן.

דער ערשטער פּראָטאָקאָל פון קלוב

אַפּריל 19טן, 1914

...מיר די אונטערצייכענטע פאַרזאַמעלט היינט, זונטאָג דעם 10טען אַפּריל 1914, ביי פריינט ב. שפּינראָד, 1524 שאַרלאָט סטריט, בראנקס, ניו יאָרק, פאַר דעם צוועק צו גרינדען אַ אָרגאַניזאַציאָן פון די טהעטיגסטע און אַלטע איבערגעגעבענע פריינד, וועלכע זיינען דורך דעם אַרבייטער רינג פאַראייניגט געוואָרען אַלס די איבערגעבענסטע פריינד אין דעם ריכטיגען זין וואָס דער וואָרט פריינד באַדייטעד, באַצוועקען מיט דיזע געשריי־בענע ציילען אין קורצען פאָרלויפיג פעסט צו שטעלען די גרויסע נויטווענדיגקייט פון דיזער נייער געגרינדעטער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס אירע מאָטיווען זיינען, און דאַרפען זיך אין דער צוקונפט אויסאַרבייטען.

...מיט די אייניגע פונקטען וועלכע וועלען היינט אָנגענומען ווערען, ווילען מיר עס זאָל בלייבען אַלעס אָנדיינקונג פאַר די שפּעטערדיגע אַנטוויקלונג און טהעטיגקייט וואָס דיזע אָרגאַניזאַציאָן וועט אַריין ברייגגען אין לעבען. און ניט נאָר זיינען די וועלכע זיינען אונטערגעשריבען דאָ אין גאַנצן די גרינדער פון דיזען פאַרבאַנד, נאָר פילע פון די באַ־ליבטע און איבערגעבענסטע מיטגלידער פון אַרבייטער רינג איבער'ן גאַנצען לאַנד, זיינען שוין אַריינגעטראָטען צוזאַמען מיט אונז אַלעמען.

די נעמען פון די גרינדער פון ניו יאָרקער קלוב :

ש. בולגאטש
ס. וואלאס
ה. אלפּערט
פּ. לעווין
לואיס זאטץ
* ש. סאוויטצקי
* ב. וואלאוויטץ
דזשוליוס באקסט
א. עפּשטיין
נ. פילאט
ה. אַנאַפּאַל

ח. האכמאן
ה. סעגאלאָוויטץ
דזש. וויינבערג
ס. נודעלמאן
* ב. ספּינראד
הערים גאלדין
* ר. קורהאן
ב. פרישוואסער
* נ. פיינערמאן

נ. פריימאן
דזש. ראטמאן

באַצייכענט * זיינען אַרויסגעפאַלען.

ב. ליליענבלום
פרעזידענט — 1919

אינטערעסאַנטע דערינערונגען וועגן די ערשטע יאָרן אין אַרבעטער־רינג און די אורזאַכן וואָס האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון דעם „נעשאַנעל סאָשעל קלאַב"

ווען מיר האָבן געגרינדעט דעם אַרבעטער־רינג אַלס אַן אָרדן, זיינען מיר אַלע געווען זייער גוטע יוניאָן־לייט, און נאָך בעסערע סאָציאַליסטן. אָבער וואָס אַ פראַטערנאַלער אָרדן איז, ווי אַזוי אים איינ־צושטעלן, און ווי אַזוי אים צו פירן, האָבן מיר קיין באַגריף ניט געהאַט; און נאָר נאָך ביטערער דער־פאַרונג האָבן מיר געלערנט, אַז אַ פראַטערנאַלער אָרדן מוז שטיין אונטער דער אויפזיכט פון דעם איינ־שורענס דעפּאַרטמענט אין יעדן סטייט, וועלכן מיר ווילן האָבן ברענטשעס און מעמבערס; מיר האָבן גע־לערנט, אַז מיר מוזן האָבן אַ גוטע בוך קיפּינג סיסטעם, וואָס זאָל צופרידנשטעלן דעם אינשורענס דעפּאַרט־מענט, איידער זיי וועלן אונדז באַוויליקן אַ טשאַרטער; מיר האָבן געלערנט, אַז מיר קענען ניט אויסשליסן אַ מעמבער אויב ער שטימט פאַר אַן אַנדער פּאַרטיי, אויסער דער סאָציאַליסטישער; מיר האָבן אַ סך געלערנט.

אַט די אַלע זאַכן האָבן געלערנט די אַלטע מעמבערס פון די פאַרשיידענע פּאַרוואַל־טונגס־קאָמיטעטן — אָבער ניט די פריש־אָנגעקומענע, נייע מעמבערס פון די פאַר־שיידענע שטעט און שטעטלעך פון איראָפּע, און ספּעציעל די גרופּן, וואָס האָבן געהאַט אַ בונדיסטישע דערציאונג, זיינען געווען מוטיקע קעמפער אין איראָפּע און האָבן זייער קאַמפּסלוסטיקייט אַריבערגעטראָגן אין די נייע ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג.

און דער צילברעט איז געווען די פּאַרוואַלטונג, און צו דעם מוז מען צורעכענען דעם נאַטירלעכן פאַרלאַנג פון יעדער אָפּאָזיציע־גרופּע, צו וועלן פאַרנעמען די פּאַרוואַלטונג און אַרויסשטופּן די עלטערע מיטגלידער פון זייערע פּאָזיציעס.

דאַן האָט זיך אַנטוויקלט דער קאַמף פון די „יונגע" און „אַלטע" אין אַרבעטער־רינג; און פלוצלונג האָט צוגעשפּילט צו די „יונגע" די אומגליקלעכע פּאַסירונג פון דער ווינטערוויב־אַפּעיר, און אויף דער 13טער קאָנווענשאָן אין ניו הייווען, האָבן די יונגע אויסגענוצט די געלעגנהייט און פּרובירט צו פּאַרמישן די אַלטע אין דער ווינטערוויב־אַפּעיר און געזוכט צו פאַרניכטן דעם איינפלוס פון די אַלטע אין אַרבעטער־רינג, און ווען פריינד וויליאַם באַקסט פון באָסטאָן איז דאַן אַרויסגעקומען מיט דעם פאָרשלאָג צו גרינדן אַ קלוב פון אַלע געוועזענע און דאַן עקזיסטירנדיקע פּאַרוואַלטונגס־מיטגלי־דער — איז דער פאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן און דער „נעשאַנעל סאָשעל קלאַב" איז געגרינדעט געוואָרן. דער קלוב האָט דאַן באַשלאָסן צו האָבן אַ יערלעכן צוזאַמענקונפט די ענדע פון יעדן יאָר. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַן אמת־פריינדלעכע חברשע באַציאונג צווישן די מיטגלידער פון קלוב.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן פאַר אַ לענגערער צייט, ביז עס האָט אויסגעבראָכן די קאָמוניסטישע וואַקכאַנאַליע אין אַרבעטער־רינג. די יונגע, איינזעענדיק די געפאַר, זיינען צוגעשטאַנען צום קלוב, און מיט פּאַראייניקטע קרעפטן דערפאָלגרייך באַזיגט די געפאַר.

איצט, ווען דער קלוב פייערט דעם 45טן יובילײ, איז עס אַ שיינע פעדער אין דעם קאַפּ פון קלוב.

יעקב דימענד

באַגריסונג פון נוואַרקער יוניטי־קלוב

טייערע קאָלעגן!

שרייבן וועגן דעם לעבן און טעטיקייט פון אונדזער נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב איז דאָ אַזוי פיל, אַז עס איז פּשוט אוממעגלעך צו קאָנצענטרירן זיך. אָבער אין די באַגרענעצטע עטלעכע שורות ווילט זיך אויסדריקן די געפילן וואָס איבערפילט יעדן פון אונדז, ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין דער געוואַל־דיקער ראָלע וואָס דער קלוב האָט געשפּילט — און שפּילט — אין דעם לעבן פון יעדן איינעם פון אונדז און אין דעם לעבן פון אונדזער ליבן אָרדן, דעם אַרבעטער־רינג.

דער אומדירעקטער איינפלוס פון קלוב אויף אַלע געשעענישן וואָס זיינען פאָרלאָפן אין לויף פון די 45 יאָר געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטור־רעלע איז אַזוי גרויס, אַז עס רופט אַרויס ביי אונדז צופרידנהייט און שטאָלץ.

אַ דאַנק צו די פּיאָנערן און די אָנפירנדע גייסטער פון קלוב, וואָס זיי האָבן אַזוי אויסגעפורעמט דעם קלוב אַז ער נעמט אַריין, און שטעלט מיט זיך פאָר, אַלעס וואָס עס איז אַזוי קאָנסטרוקטיוו, שיין און ערהאָבן.

דער אינטימער, פּערזענלעכער עלעמענט און וואַרעמע באַציאונג צו דעם איינצלנעם, אין פרייד און אין לייד, איז גאָרניט אָפּצושאַצן. פון וועמען, פון וועמען, עס ווערט פאַר־געסן אַ געבורטסטאָג, אַ חתונה־עניווערסערי און ענלעכע פּאַסירונגען — אָבער ניט פון טשיף ישורין; די פרייד וואָס דאָס ברענגט אַריין, די דערמוטיגונג וואָס דאָס גיט, און דער געפיל אַז מען איז ניט אַליין, מען באַלאַנגט צו אַ פאַרצווייגטער משפחה, וואָס אין פאַרלויף פון יאָרן פון אַקטיוויטעט האָט זיך עס אַזוי איינגעשטעלט, איז ניט אָפּצושאַצן.

טייערע קאָלעגן! נעמט אָן אונדזער האַרציקע באַגריסונג צו דעם 45טן יובל פון אונדזער קלוב, און לאָמיר נאָך פאַר פילע יאָרן אָנהאַלטן און אויסלעבן זיך אין די שיינע טראַדיציעס, אין דעם גייסט פון אונדזער נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

יעקב ראָטמאַן
פּרעזידענט — 1927

דער קלוב האָט אָפּגעהיט דעם אַרבעטער־רינג פון אַלע זיינע געפאַרן

עס פרייט מיך באמת וואָס איך האָב די מעגלעכקייט צו שרייבן מיין באַגריסונג אין דעם היינטיקן נומער „חברשאַפט". עס פרייט מיך וויל דאָס איז לכבוד דעם 45 יאָריקן יובילייׂ פון אונדזער סאָשעל קלוב. און ווען איך דערמאָן זיך וועגן די פאַרגאַנגענע 45 יאָר, וועגן די קאַלעגן און פריינד מיט וועלכע מיר זיינען געווען אַלע יאָרן אין אונדזער קלוב, שווימען אַרויף פאַרשיידענע עפּיזאָדן, אייניקע ערנסטע, אַנדערע שפּאַסיקע, אָבער עס דערמאָנט, עס דערמאָנט וועגן אונדזערע יונגע יאָרן, עס דערמאָנט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און עס דערמאָנט איבערהויפּט וועגן אַ היפּשער צאָל גאָענטע פריינד, וועלכע זיינען געווען מיט אונדז און זיינען מער ניטאָ. און זיי פעלן אונדז. עס פעלט אונדז זייער נאָענטקייט, עס פעלט אונדז זייער פריינדשאַפט, עס פעלט אונדז זייער חברשאַפט.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער סאָשעל קלוב איז אין לויף פון די פאַרגאַנגענע 45 יאָר געווען פאַר פילע פון אונדז, כמעט פאַר יעדן איינעם פון אונדז, אַ וויכטיקע זאַך. עס איז געווען אַ קרייז פון פריינדשאַפט און פון נאָענטקייט, אַ קרייז אויף אָפּצוהיטן אונדזער ליבע אַרבעטער־רינג אָרגאַניזאַציע פון געפאַרן, וועלכע האָבן געלויערט אויף איר, און דאָס אַלעס דאַרפן מיר גוט געדענקען היינט אין די רואיקע טעג און ציטן ווען עס זיינען ניטאָ אָט די געפאַרן פון אַמאָליקן כאַראַקטער פאַר דעם אַרבעטער־רינג.

עפּעס איז דאָך געווען אַ וויכטיקער כוח, וועלכער האָט געקענט אונדז אַלעמען צוזאַמענבינדן אַזוי נאָענט אין חברשאַפט און פריינדשאַפט אין לויף פון די פאַרגאַנגענע 45 יאָר. אָט דער כוח וואָס האָט אונדז געהאַלטן צוזאַמען טאָר מען ניט פאַרגעסן.

און זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן אין פאַרבינדונג מיט דעם 45 יאָריקן יום־טוב פונעם סאָשעל קלוב, אַז עס קומט אַ פאַרדינטע אָנערקענונג צו די, וועלכע האָבן אָנגעפירט און אָנגעהאַלטן די גאַנצקייט פון דעם קלוב און די גאַנצקייט פון אונדזער גרופּע. דאָס האָט געשטאַרקט יעדן איינעם פון אונדז. דאָס האָט געשטאַרקט אונדזער סביבה, דאָס האָט געשטאַרקט דעם אַרבעטער־רינג.

מיין האַרציקע באַגריסונג צו אַלע קאַלעגן פון אונדזער סאָשעל קלוב. לאָמיר געאייניקט, אין געזונט און גליק, און אין נחת נאָך פאַר פילע יאָרן אָנהאַלטן אונדזער חברשאַפט, אונדזער פריינדשאַפט, אונדזער אַרבעט.

לאַנג לעבן זאָל דער סאָשעל קלוב! לאַנג לעבן זאָל חברשאַפט!

אָסקאַר סטירמאַן

פרעזידענט — 1929

מענטשלעכע באַציאונגען — איז דער דעוויז פון קלוב



חשובע חברים און פריינד פון סאָשעל קלוב.

נעמט־אָן מיין האַרציקע באַגריסונג צו דער געלעגנהייט פונעם 45 יאָריקן יובילײ פון אונדזער קלוב. גלויבט מיר, חברים, אַז די 45 יאָר וואָס איך בין מיט אייך צוזאַמען, זיינען ביי מיר, און מיין ליבער פרוי, געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן. מיר פילן די פריינדשאַפט און חברשאַפט אין אייערע הערצער. איר טראָגט אין אייערע הערצער די שענסטע, מענשלעכסטע געפילן פון איין חבר צום צווייטן.

די דאָזיקע חברשאַפט און פריינדשאַפט האַלט אונדז אַזוי נאָענט צו אייך און מיר פילן ווי מיר וואָלטן אויסגעוואַקסן צוזאַמען אין איין משפחה. די מענטשלעכע באַציאונג, און אויך די הילף וואָס איר גיט איינעם וואָס נויטיקט זיך אין דעם, איז גאַרניט אָפּצושאַצן.

מיר ווינטשן אַז מיר זאָלן אַלע דערלעבן צו פייערן דעם פופציק־יאָריקן יובילײ פון קלוב, און דערנאָך וועלן מיר זיך ווינטשן ווייטער דערלעבן פייערונגען פון אונדזער קלוב.

ליבער טשיף, אַלס געוועזענער פרעזידענט פון קלוב מעגט איר מיר גלויבן, אַז אין מיין האַרצן טראָג איך די בעסטע וואונטשן צו אייך אַלס די בעסטע מתנה, און עס וועט פאַרבלייבן מיט מיר אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן.

עס טוט אונדז לייד וואָס מיר קענען נים זיין מיט אייך ניי־יאָר — אַזוי הייסט דער דאָקטער דעם 73־יאָריקן יונגערמאַן.

ליבער טשיף, מיין האַרציקן גרוס צו אייך און דער פאַמיליע, און אייער ליבע פרוי און אייניקלעך

אייערע, אָ ס ק אַ ר און ס י ל י ע ס ט י ר מ אַ ן

ד״ר מ. סילווערבערג

פרעזידענט — 1930

דער קלוב האָט געראַטעוועט די גאַנצקייט פון אַרב.־רינג

ווען איך האָב, אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, באַשלאָסן צו ווערן אַ מיטגליד אין „נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב״ האָב איך נישט געטראַכט צופיל פון דער פונקציע פאַר וועלכער דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן; נעמלעך: „קאָלעגיאַלע פריינדשאַפט און פון צייט צו צייט צוזאַמענקומען זיך און פאַרברענגען אין אַן אָנגענעמער אַטמאָספער״, איבערלאָזנדיק אין אַ זייט פאַר אַ ווײַלע די רוטינע טעטיקייטן פאַר דעם אַרבעטער־רינג.

ליידער איז דער אַרבעטער־רינג דאַן געווען אין געפאַר צוזאַמענצוברעכן אַלס רעזולטאַט פון די קרימינעלע אַקטיוויטעטן און אַטאַקעס פון די קאָמוניסטן. איך האָב געפילט, אַז דער קלוב באַשטייענד פון אַ גרופּע אויסגעפּרובירטע אַקטיווע טוערס פון פאַרשיידענע ברענטשעס, קען און דאַרף אויף זיך נעמען די ספּעציעלע פונקציע פון העלפן די אָפיציעלע קאָמיטעס פון אַרבעטער־רינג און ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג פון די שמוציקע קאָמוניסטישע הענט.

עס איז מיין פאַרגעניגן צו קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז די מיטגלידער פון קלוב האָבן די ספּעציעלע פונקציע פּולקאָם דורכגעפירט, אַזוי, אַז דער דערפאָלג פון ראַטעווען די גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג מוז אין אַ גרויסער מאָס צוגעשריבן ווערן צום קרעדיט פון אונדזער קלוב. עס איז אמת, אַז אום די ספּעציעלע פונקציע דורכצופירן האָבן די אומשטענדן אונדז געצוואונגען די דעמאָקראַטישע פּירונגען פון אַרבעטער־רינג אַביסל צו פאַרקוקן, טראָץ דעם וואָס נישט אַלעמען פון אונדז איז דאָס געווען צום האַרצן. ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג פון אונטערגאַנג איז אָבער געווען פון דער גרעסטער וויכטיקייט, און איך בין צופרידן וואָס איך קען זיך רעכענען אַלס איינער פון יענע קאָלעגן, וועלכער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו יענער וויכטיקער אַרבעט.

אַ סך יאָרן זיינען זינט דאַן אַוועק. דער אַרבעטער־רינג האָט זיינע נאָרמאַלע — אַביסל שווערע — טעטיקייטן דורכצופירן, און איז נישט אין קיין געפאַר פון אויסערלעכע אָדער אינערלעכע שונאים.

איצט, צום 45טן יובילייאום פון אונדזער קלוב, וואָלט געווען ראַטזאַם זיך מער אָפּגעבן מיט די אָריגינעלע פונקציעס: „פריינדשאַפט און אָפטע יום טובדיקע צוזאַמענקונפטן״.

מיין האַרציקסטע באַגריסונג צו אַלע קאָלעגן. עס איז מיין וואונטש, אַז אַלע צוזאַמען זאָלן מיר אויך פייערן דעם 50טן יובילעאום פון אונדזער קלוב.

נחום כאַנין

פּרעזידענט — 1934

ווער האָט אויסגעטראַכט דעם נאָמען „זקן״?

די אָרגאַניזאַציע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „זקן״, איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו היווען מיט 45 יאָר צוריק. די אַלע וועלכע האָבן דעם „זקן״ גע־גרינדעט זיינען אַליין קיין זקנים ניט געווען. זיי זיינען געווען מיטגלידער פון דעם אַרבעטער־רינג אין די יאָרן פון 25 ביז 30. דאָס זיינען בליענדע יאָרן וואָס האָבן געשפּראָצט מיט ענערגיע, אומדערמידלעכקייט און מיט אַ גאָר גרויסן אונטערנעמונגס־גייסט.

אין אַרבעטער־רינג איז דעמאָלט געווען אַ גרוי־סער איינפלוס פון נאָר־וואָס אָריבערגעקומענע אימי־גראַנטן, וועלכע האָבן זיך ניט געפילט אַלט אין יאָרן אָבער יונגע אָדער גאָר גרינע אין אַמעריקע. זיי, די נייע אימיגראַנטן, זיינען אין דער אַלטער היים דורכ־געגאַנגען אַ רעוואָלוציאָנערע שולע, און קומענדיק אין אַמעריקע האָבן זיי קיין זאַך אין אַמעריקע ניט ליב געהאַט. אַמעריקע איז פאַר זיי געווען אַ לאַנד וואו דאָס לעבן איז געווען גאַנץ אַנדערש פון דעם לעבן וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן אין דער אַלטער היים, און אָט די אַנדערשקייט פון אַמעריקע האָבן זיי ניט געקענט באַנעמען און דערפאַר האָבן זיי אַלץ געקעמפט. ווען זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין דעם אַרבעטער־רינג האָבן זיי אויך דערפילט אַז זיי דאַרפן זיך אַנשטרענגען דעם אַרבעטער־רינג איבערצומאַכן.

די אַלע קעמפער פאַר איבערמאַכן דעם אַרבעטער־רינג האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן יונגע, איז שוין במילא אויסגעקומען אַז די וואָס האָבן געקעמפט קעגן זיי זיינען באַ־טראַכט געוואָרן פאַר אַלטע, אָבוואָל אַ סך פון זיי זיינען געווען יינגער אין יאָרן ווי די יונגע. און אָט ביי דער ניו היווער קאָנווענשאַן, ווען די יונגע האָבן געזיגט האָבן זיך אָרגאַניזירט די יונג־אַלטע און האָבן זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן, אָדער דעם נייעם קלוב זייערן אַ נאָמען געגעבן דער „זקן״. צו זיי האָט זיך דעמאָלט געקלעפּט דער נאָמען „זקן״ ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

איך געדענק ווען מ׳האָט מיך פאַרגעשלאָגן אין דעם קלוב פון „זקנים״ האָב איך מורא געהאַט אַריינצוגיין אַהין ווייל איך האָב מורא געהאַט אַז איך וועל טרעפן דאָרטן יידן גרויע, איינגעבויגענע, „טאַבאַק־פּושקעס״. איך בין דעמאָלט אין גאַנצן אַלט געווען 27 יאָר. ווען איך בין געקומען צו דעם ערשטן מיטינג פון די „זקנים״ בין איך פאַר־וואונדערט געוואָרן וואָס איך האָב דאָרט קיין איין אַלטן מאַן ניט געזען. פאַרקערט, איך האָב דאָרטן באַגעגנט מענטשן מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פון מיר, אָדער נאָך יינגער, און דעמאָלט האָב איך זיך געוואונדערט וואָרום האָט מען אַ קלוב פון יונגע מענטשן דערקלערט פאַר „זקנים״.

זיינען מיר מיט 45 יאָר עלטער געוואָרן. די גרעסטע צאָל פון קלוב זיינען שוין מענטשן מיט גרויע האָר, האָבן צייכנס פון עלטערקייט אויף זייערע פּנימער, אָבער אַלט זיינען זיי ניט.

איז פון וואַנען ווייס איך אַז זיי זיינען ניט אַלט? איך ווייס דאָס פון זייער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט אין אונדזער אָרגאַניזאַציע. ווען איר זעט אָדער ווערט באַקאַנט מיט דעם וואָס יעדער איינציקער פון די „זקנים״ טוט אויף אין זיין ברענטש אָדער אין

דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־רינג, האָט איר דעם געפיל אַז אַלטע מענטשן וואָלט ניט געקענט דערוויזן דאָס וואָס אַט די אַנגערופענע „זקנים" באַווייזן. יעדן מאָל ווען איך קום צו אַ מיטינג פון קלוב און איך טו אַ קוק אויף אַלע מענטשן, ווי ענערגיש זיי זיינען, ווי שפּילעוודיק, ווי וויציק און לאַכעדיק זיי זיינען, דערמאָן איך זיך אויף דעם ליד פון דעם גרויסן יידישן פאָלקס־פּאָעט, מרדכי געבירטיק, וואָס איז אַריין אין דעם געזאַנג פון פאָלק, „הוליעט, הוליעט, קינדערלעך". איך וועל ציטירן פון זיי נאָר צוויי סטראָפן:

„קוק נישט אויף מיין גרויען קאָפּ,
צי שטערט דאָס אייך אין שפּיל,
מיין נשמה איז נאָך יונג,
ווי צוריק מיט יאָרן פיל.
מיין נשמה איז נאָך יונג,
און גייט פון בענקשאַפט אויס,
אַך ווי גערן ווילט זיך איר
פון אַלטן גוף אַרויס.

און איך טראַכט, וויפיל לאַנגע יאָרן עס פאַרקערפּערט מיט זיך אין אונדזערע גופים, זיינען אונדזערע נשמות נאָך אַלץ יונג, אונדזערע הערצער צאַפּלדיק, און דאָס פאַרדעקט אונדזערע יאָרן די פאַרגאַנגענע. איך טראַכט, אַז הלוואי וואָלט אונדזער יוגנט געווען אַזוי צאַפּלדיק און אַזוי עקשנותדיק צו טראָגן דעם אַרבעטער־רינג מיט יוגנטלעכן ברען אויף זייערע פּלייצעס, ווי דאָס טראָגן די „זקנים".

מיר, די „זקנים", זיינען קינדער פון אַ פאָלק, וועלכע האָבן אין לעצטן האַלבן יאָר־הונדערט דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. מיר זיינען געגאַנגען באַרג־אַרויף מיט אַ גרויסן יידיש־מענטשלעכן גלויבן פאַר שענערע און גליקלעכערע טעג. מיר האָבן זיך געהויבן צו דעם שפּיציקן באַרג פון ריינע און לויטערע לופט, מיט זונענשיין, און מיר האָבן געדענקט אַז אַט, אַט דערגרייכן מיר דעם אמתן מענטשלעכן גליק, — איז גע־קומען דער ביטערער לעבן און האָט אונדז געשטויסן צוריק און פון באַרג האָבן מיר זיך געקייקלט פאַרבלוטיקטע אַן געראַניעטע צום פינצטערן טאָל און אין דעם טאָל האָבן מיר ניט פאַרלאָרן אונדזער גלויבן, אונדזער האָפענונג, און ווי זאָגט דאָרטן לייוויק אין זיין ליד: „מיר הייבן זיך אויף ווידער און גייען אַוועק ווייטער".

יאָ, איך האָב געזאָגט מיר זיינען קינדער פון אַ פאָלק וועלכער האָט אין דעם האַלבן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט שווידערלעכע צייטן, פּאָגראָמען, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, קאַלד־אויוונס, און גלייכצייטיק האָט דער זעלבער דור דערלעבט פרייד פון דער עטאַבלירונג פון אַ יידישער מדינה וועלכע איז דריי־פערטל סאָציאַליסטיש. מיר האָבן דאָ אין אונדזער לאַנד געשאַפן גרויסע און מעכטיקע יוניאָנס, געשאַפן דעם אַרבעטער־רינג, גרויסע קולטור אינסטיטוציעס. ניט קוקנדיק אויף אונדזערע יאָרן זיינען מיר נאָך היינט טיף גלויביקע אין מענטשלעכער גערעכטיקייט. מיר, דער „זקן", האָט קאָלעקטיוו געגעבן אַ ווידערשטאַנד די פאַלשע משיחים, וועלכע עס האָבן אומגליקלעך געמאַכט די וועלט און געוואָלט פאַרניכטן אונדזער גרויסן אַרבעטער־רינג. מיר האָבן זיי פון אונדזערע רייען פאַרטריבן דורך דעם אייזערנעם ווילן פון אונדז אַלעמען.

איז ווער זאָגט דאָס, אַז מיר זיינען אַלט? ווער וויל דאָס הערן דעם נאָמען „זקן"? אפשר וואָלטן מיר צו 45 יאָר געביטן דעם נאָמען, די „יוגנט צווישן די יוגנטלעכע". דער נאָמען וואָלט געווען מער צוגעפּאַסט צו אונדז, אָבער אַמאָל האָט שעקספּיר געזאָגט: „וואָט איז אין אַ ניים"?

איז צו 45 יאָר ווינטש איך אייך אַלעמען בלייבן יונג, געזונט און גליקלעך.

הערי בערגער
פרעזידענט — 1937

45 יאָר אונטער איין „טשיף"!



עס לאָזט זיך קוים גלויבן, אַז דער נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער קלוב וועט איה"ש אין 5 יאָר אַרום אַלט ווערן אַ האַלבער יאָרהונדערט. און דאָך איז דאָס אַ פריילעכע ווירקלעכקייט.

איבער דער קלוב, ניט געקוקט אויף זיינע 45 יאָר, וויזט נאָך אַלץ אַרויס אַ יוגנטלעכע רירעוודיקייט, איז דאָס, גלויב איך, צו פאַרדאַנקען זיין „טשיף" — יעפים ישורין. יעס, ישורין, דער „טשיף" פון קלוב, וועלכער שטייט שוין גאַנצע 4 און אַ האַלב צענדיק יאָר כסדר אין קאָנטאַקט מיט די קלוב־מיטגלידער איבערן לאַנד; מונטערט זיי מיט זיינע אָפטע און וואַרעמע באַגריי־סונגען און גלייכצייטיק, מיט זיינע פאָדערונגען צו טאָן עפּעס, סיי פאַרן אַרבעטער־רינג גופא, און סיי פאַר זיינע קרובהשע אַרבעטער קערפּער־שאַפטן און אינסטיטוציעס.

דעריבער וויל איך, אַלס געוועזענער קלוב־פרעזידענט, געדרן באַגריסן דעם קלוב, און נאָך מער, זיין „טשיף", יעפים ישורין, ווינטשנדיק אים נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן, סיי אַלס „טשיף" און סיי אַלס איינער פון די אַקטיווסטע אַרבעטער־רינג פירער און טוער.

באַגריסונג פון פילאַדעלפיער צווייג פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב



אַלס באַאַמטער פון דעם פילאַדעל־פיער צווייג פון נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, וועלכער פאַרמאָגט אַרום אַ האַלבן הונ־דערט מיטגלידער, האָבן מיר דעם כבוד אייך צו באַגריסן צו דער געלעגנהייט פון 1958טן צוזאַמענפאָר.

מיר האַלטן, אַז דער קלוב האָט אונטער אייער פירערשאַפט, אַלס „טשיף", געבראַכט אַ סך נוצן דעם אַרבעטער־רינג און זיינע אינסטיטוציעס איבערן גאַנצן לאַנד. דערפאַר ווינטשן מיר אייך נאָך אַ סך יאָרן פון אַקטיווער און נוצלעכער טעטיקייט לטובת אונדזער אַרבעטער־רינג און אַלע זיינע אָפּטיילונגען אין גאַנצן לאַנד.

מיט וואַרעמסטן גרוס, אייערע

ב. פּינגערבערגער, טשערמאַן
ב. ווייגאַרטען, סעקרעטאַר

פיליפּ בלאַק

פּרעזידענט — 1939

איך בענק נאָך די צוזאַמענקונפטן פון אונדזער קלוב



די איינלאַדונג פון אונדזער קאָלעגע ישורין איך זאָל אָנשרייבן אַ קורצן אַרטיקל פאַר דעם יוביליי נומער „חברשאַפט״, איז געקומען גראָד אין אַ טאָג ווען דער געמיט איז געווען „בילאָו זיראָ״ — אָבער אַזוי ווי מיר פייערן איצט 45 יאָר עקזיסטענץ פון אונדזער נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, דאַרף מען זיך קענען דערהויבן, אַרויסגיין פון די וואָכעדיקע שטימונגען און פּרובירן ווערן יום־טובדיק געשטימט.

איך בין פאַרבונדן מיטן קלוב 30 יאָר. און למען האמת מוז איך זאָגן, אַז די ערשטע יאָרן האָב איך דאָס גענומען אַ היפּש ביסל לייכטזיניק: אַט קומען זיך צוזאַמען דערוואַקסענע מענטשן, אידעאַליסטן, קולטור און פּאָליטישע טוער און מאַכן זיך נאַריש!... אָבער שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז די אַלע צוזאַמענקונפטן, יום־טובים און ספּעציעל די קאָנווענשאַנס, וואָס ווערן אַראַנזשירט פון קלוב איז פאַר אונדז אַלע מאָל געווען שטונדן פון רו און גייסטיקן פאַרגעניגן, מען האָט זיך געפילט פריי פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן, ווי אַ פויגל וואָס באַפרייט זיך פון שטייג האָבן מיר אַלע געפילט יעדן מאָל ווען מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, מיר האָבן אַ ווינקל פון אייגענע מענטשן, אַ פּלאַץ פון אויפריכטיקער פריינדשאַפט און חברשאַפט.

ספּעציעל ווען איך דערמאָן זיך אָן די יאָרן פון „שטורעם און דראַנג״, ווען דער גאַנצער אַרבעטער־רינג איז געווען אין געפאַר פון פאַרניכטעט צו ווערן, אין יענע יאָרן האָט אונדזער קלוב באמת געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, אַ ראָלע פון רעטונג און מיר קענען גאַנץ אָפן זאָגן, אַז מיר האָבן געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג פון גרויס סכנה.

איך באַגריס האַרציק דעם געדאַנק פון אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן נומער „חברשאַפט״ לכבוד דעם 45טן יוביליי; איך באַגריס אונדזער „טשיף״, וועלכער שטייט ביים רודער פאַר די אַלע יאָרן. אַ האַרציקער וואונטש צו אַלע מיטגלידער צו פייערן דעם 50 יאָריקן יוביליי און זיין צוזאַמען אין אונדזער נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

יעקב ראָבערטס
פרעזידענט — 1941

דער קלוב האָט געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג

איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ כבוד, וואָס איר גיט מיר די געלעגנהייט אַלס אַ געוועזענער פרעזידענט פונעם קלוב צו באַגריסן די מיטגלידערשאַפט פונעם קלוב צום 45 טן יובל פונעם עקזיסטענץ פונעם קלוב.

אָבער נאָך מער פיל איך צופרידן וואָס איר בעט מיך בקיצור איבערגעבן מיינע באַאָבאַכטונגען און מיין אָפּשאַצונג פונעם קלוב אינעם לעבן פונעם אַרבעטער־רינג.

גלויבט מיר באמת, אַז ס'איז גאָר ניט קיין לייכטע אויפגאַבע, אין געציילטע שורות צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער אמתער היסטאָרישער ראָלע וואָס דער קלוב האָט געשפּילט אין געוויסע צייטן אינעם לעבן פונעם אַרבעטער־רינג, און אפשר אויך אינעם לעבן פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג אין אונדזער אַמעריקע. אָבער למען האמת, וויל איך דאָ באַמערקן, אַז אינעם „חברשאַפט צום 30טן יובל פונעם קלוב, ווערט עדיטאָריעל אונטערשטראָכן, אַז אונדזער קלוב־פּראָגראַם אַנטהאַלט צוויי הויפּט־לאָזונגען:

1) אַנהאַלטן פריינדשאַפט צווישן מיטגלידער פון קלוב;

2) ניט מישן זיך אין דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן, דאָס הייסט, אין דער פּאָליטיק פון אַרבעטער־רינג (סיידן עמעצער וועט אים וועלן שעדיקן אָדער „קאָמפּראָמעטירן").

וויל איך דאָ ניט פּאָלעמיזירן וועגן דער פּינקטלעכער דורכפירונג פון די צוויי הויפּט־לאָזונגען — אָבער וועגן דעם „סיידן" וויל איך זיין אַ לעבעדיקער עדות, אַז דער קלוב האָט, לויט מיין אָפּשאַצונג, געראַטעוועט דעם אַרבעטער־רינג פון אַ מעגלעכער קאַטאַסטראָפאַלער טראַגעדיע.

איך געדענק גוט די צייט ווען די קאָמוניסטישע וואַקכאַנאַליע האָט מיט אומבאַגרענעצטער חוצפּה און מיט די נידעריקסטע שאַרלאַטאַנסקע מעטאָדן אַטאַקירט דעם אַרבעטער־רינג, און געוואָלט אים פאַרכאַפּן. אויב דאָס וועט זיי ניט געלינגען, האָבן זיי געוואָלט אים צעברעכן און פאַרניכטן.

איז דאָס מיין אויפריכטיקע און ערנסטע איבערצייגונג, אַז בלויז אַ דאַנק דעם וואַכזאַמען, צייטלעכן און עקשנותדיקער ווידערשטאַנד פון די מיטגלידער פונעם קלוב איבערן גאַנצן לאַנד, איז אונדזער אָרגאַניזאַציע געראַטעוועט געוואָרן.

מיר איז אין יענער צייט אויסגעקומען אָנטייל צו נעמען אינעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן אין פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד, און איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די איבערגעבנקייט, דעם אידעאַליזם און די קרבנות־גרייטקייט פון אונדזערע קאָלעגן אינעם אַרבעטער־רינג, מיטגלידער פון אונדזער קלוב. ניט נאָר האָבן זיי געהאָלפן ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג, נאָר אויך אַ סך געהאָלפן פאַרטרייבן די שעדלעכע עלעמענטן פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. איבערהויפּט האָבן אונדזערע מענטשן געהאָלפן אַרונטעררייסן די מאַסקע פון די קאָמוניסטן וואָס האָבן כלומרשט געשפּילט די

ראָלע פון אידעאַליסטן און פריינד פון דעם אַרבעטערס אינטערעסן. איך צווייפל צי די היסטאָריקער און געשיכטע־שרייבער פונעם אַרבעטער־רינג און יידישער אַרבעטער באַוועגונג וועלן ווען ס׳איז קענען געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער אמתער ראָלע וואָס אונדזערע קאָלעגן האָבן געשפּילט אין יענעם ביטערן קאַמף. עס זיינען ניט פאַרבליבן קיין פאַרשריבענע דאָקומענטאַרע באַווייזן וועגן אַט די הונדערטער פאַרזאַמלונגען וואו דער קאַמף איז אויסגעפאָכטן געוואָרן. די געשיכטע וועט זיכער ניט האָבן לזכרון די פאַרשיידענע „טריקס״ און „סקימס״ וואָס די קאָמוניסטן האָבן גענוצט, בכדי צו פּראָוואָצירן אונדזערע מענטשן צו געשלעגן און ראַיאָטן. אונדזערע מענטשן זיינען אָבער בייגעשטאַנען אַלע נסיונות און פאַרטריבן דעם הפקרות פון דער יידישער גאַס. יאָ, חשובע קאָלעגן, עס איז באמת אַ כבוד זיך צו ציילן צווישן די געוועזענע פּרעזידענטן פונעם „נעשאַנעל סאָשעל קלוב״. נעמט אָן מיין האַרציקע באַגריסונג צום 45טן יובל.

אגב, פיל איך, אַז איך מוז געבן קרעדיט דעם, וואָס פאַרדינט דאָס.

ס׳איז אמת, אַז ניט אַלע מאָל בין איך שוה בשוה אָדער, ווי מען זאָגט אין ענגליש, ניט אַלע מאָל זע איך אויג צו אויג באַגלייך מיט אונדזער טשיף. אָבער איך מוז אונטערשטרייכן, אַז זיין פירערשאַפט, סטראַטעגיע און טאַקט, אינעם ביטערן קאַמף מיט די קאָמוניסטן און שונאים פונעם אַרבעטער־רינג, האָט פיל געהאָלפן דעם אויסגאַנג אין זיג, און איך גיב אים מיין האַרציקע באַגריסונג און ברכות.

באַגריסונג פון דער קליוולאַנער גרופּע צום 45טן יובילײ פון אונדזער קלוב

איצט, ווען אונדזער קלוב גרייט זיך צו פייערן דעם 45טן יובילעאום, קענען מיר זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג פון דער וויכטיקער ראָל וואָס דער קלוב האָט געשפּילט אין די פאַרגאַנגענע 45 יאָר אין דער אַנטוויקלונג און וואוקס פון דעם אַרבעטער־רינג.

עס איז זיכער נישט איבערטריבן צו זאָגן, אַז דער קלוב האָט אויסגעאיבט אַ געוואַלטיק גרויסן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון דעם אַרבעטער־רינג און צייטנווייז גערעטעוועט די עקזיסטענץ פון אונדזער אָרדן. עס איז זייער שווער פאַרצושטעלן זיך ווי אַזוי די יידישע גאַס וואָלט אויסגעקוקט אָן דעם אַרבעטער־רינג.

מיר מעגן זיכער שטאָלץ זיין מיט דעם בייטראַג פון קלוב און אירע פירער אין דער יידישער אַרבעטער און פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

די קליוולענדער גרופּע שליסט זיך אָן אין ווינטשן אַלע אונדזערע מיטגלידער נאָך פילע יאָרן פון טעטיקייטן פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט.

י. אַ ק ס ע ל ר אָ ד, סעקרעטאַר

בענדזשאַמין קאַפּלאַן

פּרעזידענט — 1942

דער קלוב האָט פּיל געהאָלפן אין דעם ברודער־קאַמף פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן

אַלס דער געוועזענער פּרעזידענט פון דעם נעשאַנאַל סאָשעל קלוב וויל איך קודם כל האַרציק באַדאַנקען די איצטיקע פירערשאַפט פאַר געבן מיר די פּריווילעגיע צו באַגריסן דעם קלוב צו דער פייערונג פון איר 45־יאָריקן יובילעאום פון עקזיסטענץ.

ביי אַזאַ געלעגנהייט איז אימער וויכטיק צו מאַכן אַ סך הכל און נעמען אַ חשבון פון דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר די אַלע יאָרן. איך פּערזענלעך פיל זיך שטאָלץ און העכסט צופרידן מיט אירע אויפטואונגען. די ראָלע וואָס דער קלוב האָט געשפּילט אַלס אַ טייל פון אַרבעטער־רינג און אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג באַשטעטיקט בלויז די גרונד־באַרעכטיקונג פאַר דער עקזיסטענץ פון קלוב. מיר געדענקען זייער גוט די אַגרעסיווקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע אין דעם ברודער־קריג פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און דעם אַלגעמיינעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן. אַדאַנק דער הילף וואָס זי האָט בייגעשטייערט איז פאַר אונדז געווען אַ סך גרינגער צו קענען בייקומען אַלע שונאים פון אַרבעטער קלאַס.

וואָס אָנבאַלאַנגט אונדזער סאָשעל קלוב קען איך בלויז דערמאָנען צום גוטן איר וואַכזאַמקייט און נאָענטע באַרירונג מיט די מיטגלידער. קיינער פון אונדז ווערט ניט פאַרגעסן ביי די געבורטסטאָגס און פאַרשיידענע אַנדערע שמחות. דאָס ציגט אַן אינטימקייט פון איינעם צום צווייטן. די פאָרשטייער פון קלוב מעגן גראַטולירט ווערן מיט זייערע אויפטואונגען, און דאָ קומט ספּעציעל אַ דאַנק צו פריינד ישורין. ער ווידמעט אַ סך פון זיין צייט און ענערגיע צו מאַכן דעם קלוב וואָס שענער און איינפלוסרייכער און מיר מעגן אַלע זיין שטאָלץ מיט איר פאַרנעם היינט־צו־טאָג.

אין קורצן, די פריינדשאַפט, די חברשאַפט וואָס עקזיסטירט פון מיטגליד צו מיטגליד מאַכט די משפחה אַן ענגע און העכסט אָנגענעמע. עס איז 45 יאָר פון איבערגעגעבענער און לאָיאַלער דינסט און צו דער געלעגנהייט וויל איך אַלעמען באַגריסן צו דעם היינטיקן יום טוב.

לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן אין דער צוקונפט מאַכן נאָך ווייטערן פאָרשריט.

אַ באַגריסונג פון ב. אַקסעלראָד

פרעזידענט — 1944

(סעק־טשיף פון שיקאַגער סאָשעל קלוב, און פרעזידענט פון נאַציאָנאַלן קלוב, אין 1944טן יאָר)

חשובער טשיף ישורין:

עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו באַטייליקן זיך מיט אַ באַגריסונג אין אונדזער זשורנאַל „חברשאַפט", צו דעם פינף און פערציק יאָריקן יובל פון דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

פינף און פערציק יאָר עקזיסטענץ פון יעדער אָרגאַניזאַציע איז אַ גרויסער אויפטו, אַז מען דערפירט צו די צילן וועלכע די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט ביים גרינדן.

אָבער מיט אונדזער קלוב איז גאָר עפּעס אַנדערש. ווען דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן איז דער געדאַנק געווען פריינדשאַפט און חברשאַפט, און ביז אַ גרויסן גראַד איז דאָס דורכגעפירט געוואָרן דורך די אַלע יאָרן פון דעם קלובס עקזיסטענץ; אָבער קיינעם איז ניט געלעגן אויפן געדאַנק, אַז אונדזער קלוב און די קלובן איבער דעם לאַנד, וועלן דאַרפן זיין די באַשיצער און פאַרהיטער פון דעם אַרבעטער־רינג. אין דעם געראַנגל מיט די לינקע עלעמענטן, זיינען מיר געווען די, וועלכע האָבן מיט אונדזער איבערגעבנקייט פאַר דעם אַרבעטער־רינג אָפּגעהיט מיט אַלע אונדזערע קרעפטן אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל ניט אַריינפאַלן צו יענע פאַרפירטע, קורציכטיקע מענטשן אין יענער צייט.

אַ דאַנק דער וואַכזאַמקייט פון אונדזער טשיף ישורין מיט זיין סוויטע! עס האָט זיך דאַן געפאָדערט אַ סך מוט און איבערגעבנקייט, סיי פון דעם ניו יאָרקער קלוב, ווי אויך פון אַלע קלובן איבערן לאַנד — און אין דעם פאַל האָבן מיר זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן. יעדער האָט געטאָן זיין טייל אַרבעט.

דערפאַר, ליבער טשיף, פילט זיך דער שיקאַגער סאָשעל קלוב צום היינטיקן יום־טוב ווי גלייכע מחותנים. מיט אייך אַלעמען פרייען מיר זיך וואָס מיר האָבן דערלעבט צו פייערן דעם פינף און פערציקסטן יובל, און מיר ווינטשן, אייך און אונדז, אויך צו זיין צוזאַמען צו דעם גאָלדענעם יובליי פון אונדזער קלוב. זייט אַלע האַרציק געגריסט!

מאַקס גאַפּט

פּרעזידענט — 1949

דאָס וואַכזאַמע אויג



אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק, אין זיין צע־שפּרייטקייט, איבערהויפּט ביי אונדז אין אַמעריקע, שפּילט דער אַרבעטער־רינג אַ זייער וויכטיקע ראָלע. גאָר אַמאָל, אין זיין פּריסטער יוגנט, האָט מען אים גערופן דער „רויטער קרייץ", פאַר זיין הילפס־אַרבעט, וואָס איז געווען באַגלייט מיט האַרציקייט און איבער־געגעבנקייט. היינט איז דער אַרבעטער־רינג די קול־טור־פעסטונג פון די יידישע מאַסן, וועלכע לעבן זיך אויס אין אונדזער לשון־יידיש.

דאָס איז איינער פון זיינע אַספּעקטן צווישן זיינע פאַרצווייגטע און פאַרנעמע געזעלשאַפטלעכע אויפטו־אונגען. זיין גלאָררייכע געשיכטע איז שוין פעסטגע־שטעלט.

אָבער דער אַרבעטער־רינג וואָלט דאָס ניט גע־קענט באַווייזן, אין זיינע פאַרדינסטפולע און מאָנו־מענטאַלע דערגרייכונגען וואָלטן ניט געווען פולקאָמענע, ווען ניט דאָס וואַכזאַמע אויג פון אונדזער קלוב, פאַר די לעצטע 45 יאָר.

45 יאָר פון פּלאַנירונג, פון קאָאָרדינירונג, פון פירערשאַפט און זאָרגפולער איבער־געבנקייט, שטעלט מיט זיך פאָר דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב, אונטער דער פירערשאַפט פון איר טשיף, יעפים ישורין.

ווי אַן אָנזעעבאַרע האַנט פון אַ געניטן קאַפּיטאַן, ווערט די אַרבעטער־רינג שיף גע־פירט שטיל, אָן רעש, אָן געפּילדער, מיט געטריישאַפט, מיט טאַקט און מיט אַ זעלטענער ליבע; אָן ספּעציעלע פאַרלאַנגען פאַר כבוד און אָנערקענונג.

פאַר מער ווי צוויי דורות ווערט אָט די אַרבעט געטאָן. דורך אַלע שטורעמס גע־פירט, צוגעפּאַסט די טעטיקייט לויט דער פאָדערונג פון צייט, אַ פרייוויליקע אַרבעט מיט פרייוויליקער פירערשאַפט און — מיט פרייוויליקער אָנערקענונג.

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין דער פּרעזידענט פון אונדזער קלוב מיט 10 יאָר צוריק. יעדן יאָר האָבן מיר אַן אַנדערן פּרעזידענט. צוזאַמען האָבן מיר שוין געהאַט 45 פּרעזידענטן. 45 פּרעזידענטן מיט איין פירערשאַפט, מיט איין צוועק, מיט איין ציל, מיט איין געדאַנק, צו מאַכן שענער, גרעסער, שטאַרקער און איינפלוסרייכער דעם אַרבעטער־רינג, און ווערן אַ וויכטיקער טייל פון דער יידישער פּראָגרעסיווער באַפעלקערונג.

אונדזער קלוב איז אָפן פאַר אַלע אַקטיווע טוער פון אַרבעטער־רינג, און מיר האָבן טאַקע אַ גרויסע מיטגלידערשאַפט, און אַלע מיטגלידער זיינען צווישן זיך פריינדלעך, ברידערלעך און האַרציק. אַ זעלטנהייט צווישן אָרגאַניזאַציעס.

אונדזער מאָטאָ איז חברשאַפט. דער נאָמען פון אונדזער פּובליקאַציע איז „חבר־שאַפט", אונדזער געמיינזאַמער ציל איז חברשאַפט. לאָמיר אָנהאַלטן און דורכפירן אונד־זער סלאָגאַן — חברשאַפט, פאַר נאָך אַ לאַנגער צייט!

יודל באַרענשטיין
פרעזידענט — 1950

דער באַגריף פון חברשאַפט



פאַראַן אין אונדזערע רייען — די רייען פון „פאָרווערטס״, אַרום דער אַרבעטער באַוועגונג, אַרום דעם אַרבעטער־רינג — צוויי פּאָפּולערע באַגריפן וואָס שייך דער באַציאונג פון איינעם צום צווייטן.

פאַראַן פון אַמאָל נאָך דער באַגריף „גענאָסע״ — דאָס איז אַ וואָרט וואָס שטאַמט פון דייטש און פון דער אַמאָליקער גלאָרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, פון די צייטן נאָך פון קאַוטסקי און בעבעל. גענאָסע מיינט אויך „חבר״, אָבער ס׳איז דאָך נישט וואָס חברשאַפט. גענאָסע איז צו אָפיציעל און פרעמדלעך פאַרן אויער. ס׳טראָגט ניט קיין אינטימע וואַרעמקייט. דער פאַקט איז, אַז דער נאָמען איז טאַקע ניט אַריינגעוואַקסן אין אונדזער שפּראַך. מ׳הערט אים איצט זייער זעלטן.

פאַראַן אַ צווייטער, זייער פּאָפּולערער באַגריף — „פריינד״, ליבער פריינד, אָדער ליבע פריינדין. דאָס געפינט זיך צום אָנהייב פון יעדן בריוו, וואָס ווערט אין אונדזערע רייען אַרויסגעשיקט. אָבער דער טיטל פריינד איז געוואָרן צו־אַלגעמיין און טראָגט שוין אויך מער אַן אָפיציעלע ווענדונג, ווי אַן אינטימע באַגריסונג.

דאַן איז מיט 45 יאָר צוריק אין די רייען פון אַרבעטער־רינג צוגעקומען אַ דריטער אויסדרוק „חברשאַפט״, ס׳איז אַפילו מער פון „חבר״. דער דאָזיקער באַגריף איז איינגעבירגערט געוואָרן אין די ענגע קרייזן פון דעם קלוב „חברשאַפט״.

איך האַלט אַז דאָס איז געווען, און איז, אַ ברכה פאַרן אַרבעטער־רינג.

דער דאָזיקער קלוב, צו וועלכן איך האָב דעם כבוד צו באַלאַנגען, האָט אַרום זיך שטילערהייט קאָנצענטרירט עטלעכע הונדערט פריינד, עטלעכע הונדערט גענאָסן, וואָס זיינען צווישן זיך געבונדן געוואָרן מיט אַ נייעם באַנד — מיט דעם באַנד פון „חברשאַפט״.

דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע וואַרעמקייט און אינטימקייט אין אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן, פּראַטערנאַלן אָרדן. עס האָט אין משך פון די יאָרן זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער „קלוב״ איז געוואָרן דער צעמענט אין דעם אַרבעטער־רינג, שיר ניט דער רוקן־ביין, דער חוט השדרה — דער אויפהאַלטנדיקער כוח.

דער קלוב האָט געבראַכט צו זיינע מיטגלידער דאָס געפיל פון אחריות, פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער קלוב האָט צוגעצויגן איין האַרץ צום צווייטן פון קאַלטער אָפיציעלקייט, איז געוואָרן אמתע פריינדשאַפט, אמתע חברשאַפט.

און דער קלוב נוצט ניט אויס זיין כוח כדי אַריינצוקריגן מאַכט. דער קלוב איז בלויז געוואָרן אַ מין שומר, אַ באַוואַכער איבער די לעבנס־אינטערעסן פון אַרבעטער־רינג.

ס׳איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז דער קלוב זאָרגט זיך אויך פאַר די פּשוטע לעבנס־אינטערעסן פון יעטוועדן מיטגליד אין קלוב. אַ סך קעגנזייטיקע הילף איז דורכן קלוב געטאָן געוואָרן. דאָס אַלץ ווערט געטאָן שטיל, זייער באַשיידן אָן פּויקן און אָן טרומייטן.

דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון „חברשאַפט", וואָס דאָס מיינט — גאַענטקייט, ערלעכ־קייט, אמתע איבערגעגעבנהייט. ס'איז אַן איבערגעגעבנהייט צום אַרבעטער־רינג אין אַלגעמיין און אַן איבערגעגעבנהייט צו דעם יחיד ווי אַ מיטגליד פון קלוב.

כדי דאָס זאָל אַרבעטן ווי געהעריק, קען מען נאַטירלעך אַלע 70 טויזנט מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג ניט פאַרוואַנדלען אין אַ קלוב, נאָר עס דאַרף זיין אַ גרופּע, ביי וועמען די אינטערעסן פון אונדזער אָרדן שטייט איבער אַלץ — איבערגעגעבענע אַרבעטער־רינג אידעאַליסטן.

מען קען אָנווייזן אויף אַ סך מאָמענטן, וואו דער קלוב „חברשאַפט" האָט טיף גע־ווירקט לטובת דעם אַרבעטער־רינג. אַזוי איז עס געווען דורך די 45 יאָר, זינט דער קלוב עקזיסטירט.

און אָט דער דאָזיקער כאַראַקטער פון דעם קלוב מיט זיין ברייטן באַגריף פון „חברשאַפט" ווערט מיט יעדן יאָר פאַרטיפט און פאַרברייטערט. וואָס מער די יאָרן גייען און שווינדן, וואָס מער אַ סך פון די פּיאָנערן גייען אַוועק פון אונדז אויפן וועג צו דער אייביקייט, אַלץ וויכטיקער ווערט די ראָלע פון דעם קלוב אונדזערן.

איך פיל זיך זייער שטאָלץ וואָס אויך איך באַלאַנג צו דעם דאָזיקן קלוב.

איך דריק אויס מיין האַרציקע באַגריסונג צו אונדזער שטילן, 45 יאָריקן יובל.

די בעסטע ברכות פאַר דער גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג.

באַגריסונג פון קאָנעטיקוט קלוב

מ. קרוטשקאָוו



פיליפּ שניידער

טייערער קאָלעגע און פריינד יעפים ישורין, עס איז פאַר אונדז אַ כבוד און פּרי־ווילעגיע וואָס איר האָט אונדז איינגעלאַדן אַלס באַאַמטע צו באַגריסן דעם 45־יאָריקן יובילייאום פון קלוב. אַדאַנק דעם קלוב, און טאַקע אונדזער אָפּטיילונג ביי אונדז אין סטייט קומען מיר זיך צוזאַמען פון אַלע שטעט איין מאָל אַ יאָר, פאַרברענגען צוזאַמען געזעל־שאַפטלעך, ריידן אַרום אַרבעטער־רינג פראַגן. אונדזער טשיף ווערט שטענדיק געלאַדן צו אונדזערע צוזאַמענקונפטן. פרענק עפּשטיין מיט זיין פרוי זיינען געווען ביי אונדז אָפטע געסט. אונדזער טשיף איז פילע מאָל געקומען און זיין אָנוועזנהייט האָט אונדז שטענדיק אַריינגעבראַכט אינספּיראַציע ביי אונדזערע יום טובים, חתונות און געבורטסטעג.

לאָמיר האָפן צו פייערן אונדזער 50־יאָריקן יובילייאום און טאַקע מיט אייך, יעפים, אַלס אונדזער טשיף, און מיר זאָגן אייך צו, אַז מיר פון קאָנעטיקוט, וועלן אַלע קומען קיין ניו יאָרק און פרייען זיך מיט אייך און די איבעריקע קאָלעגן.

מאָריס קרוטשקאָוו, פּרעזידענט

פיליפּ שניידער, סעקרעטאַר

אַלעקס לאַסאָוו

פרעזידענט — 1952

דער קלוב האָט צעמענטירט חברשאַפט און ברידערלעכ־קייט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער



חשובער רעדאַקטאָר און פריינד ישורין:

מיטן היינטיקן יאָר ציען מיר אונטער אַ סך הכל פון פינף און פערציק יאָר עקזיסטענץ פון אונדזער קלוב. אַ סך הכל פון אַ שיינעם און גרויסן געדאַנק און טאַט־מענטשן האָבן דערקענט דעם גרויסן כוח פון ענגער און געשלאָסענער אייניקייט, וואָס זאָל זיי צעמענטירן דורך פריינדלעכקייט, ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט.

45 יאָר זיינען אַריבער און אַנשטאָט, ווי עס פירט זיך, דאַרף אין משך פון יאָרן דער צעמענט לויזער ווערן און אפשר גאָר זיך נעמען ברעקלען, איז אין אונדזער פאַל, מיטן קלוב, די חברשאַפט און ברידערלעכקייט אַלץ שטאַרקער, ענגער און פעסטער געוואָרן. דער קלוב איז געווען און איז אַ ווירקנדיקער כוח צווישן אונדזערע פריינד צו פאַרלאַנגען און טאַקע ווירקן פאַר אַלץ וואָס איז שענער און בעסער אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אויב אונדזער קלוב האָט מיט זיך געטראָגן די גרויסע ווערטן ביז איצט, דאַרפן מיר זען אַז גראָד איצט, ווען די וועלט לעבט איבער אַזאַ גרויסע בהלה, שרעק, צעמישעניש און צעטומלטקייט נאָך שטאַרקער פאַרקניפּן און פאַרבינדן אונדזער חברשאַפט און פריינדשאַפט און צוזאַמען זיך אויפהייבן, און מיטהייבן אַנדערע, צו אַ העכערער מדרגה וואָס וועט פירן צו אַ בעסערער, געזינטערער און שענערער וועלט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און אמתער און שטענדיקער פרייהייט.

מיט די בעסטע ברכות באַגריס איך אונדזערע פריינד און טאַקע נישט לענגער... ווי אין פינף יאָר אַרום זאָלן מיר פייערן און זיך פרייען צו אונדזער 50טן יובילײ, אין אַ וועלט פון צדק, אמת און יושר!

מ. ל. פּאָלין

פּרעזידענט — 1953

פון „זקן" צו „חברשאַפט"

אַלע יונג אין יאָרן, האָבן מיר אָנגענומען דאָס וואָרט „זקן" פאַר אונדזער אָרגאַן. איך געדענק ניט גענוי ווען מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צום ערשטן צוזאַמענפאָר אין 1913 אָדער 1914, אָבער, איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק פון דעם ערשטן רוף זיך אָנצושליסן אין דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

דער רוף אָדער איינלאַדונג איז צו מיר געקומען פון דעם פאַרשטאָרבענעם ערשטן טשיף פון קלוב, קאָלעגע וויליאַם באַקסט פון באָסטאָן. דאָס איז געווען ענדע 1913 אָדער אָנהויב 1914, די צייט ווען איך האָב אָנגעהויבן מיין קאַריערע מיט דעם „פאָרווערטס" אין פילאַדעלפיע, אונטער ברוך טשאַרני־וולאַדעק.

ס׳איז מיר געפעלן געוואָרן די דערקלערונג וואָס מ׳האָט אין קורצע ווערטער שוין דאַן פּראָקלאַמירט, אַז דער הויפּט־צוועק פון קלוב איז חברשאַפט. מיין גאַנצן לעבן שעץ איך ניט בלויז דאָס וואָרט, נאָר דעם אמתן אינהאַלט פון חברשאַפט.

דעם ערשטן טעם פון חברשאַפט האָב איך דערפילט צו זעקס יאָר, ווען מיין פאָטער איז אין אַ שיינעם פרילינג־טאָג געקומען מיך אַרויסנעמען און מיטגענומען צו דעם טייך נאַרעוו אָדער ווייסל לעבן נאָווידוואָר. ער האָט געוואָלט אַז איך זאָל ביישוויבן דאָס אַרויפלאָזן דעם ערשטן מיליטערישן באַלון. ביידע דערשיינונגען: — דאָס ווערן באַפרייט פון חדר און זען דאָס גרויסע וואונדער ווי אַזוי מענטשן הייבן זיך אויף אין דער לופטן, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק פון חברשאַפט.

איך וואָלט געקענט פאַרנעמען פיל פלאַץ מיט אילוסטראַציעס פון חברשאַפט און פון מיסברויכן דעם אמתן אינהאַלט און באַדייטונג פון דעם וואָרט, אָבער דער פלאַץ איז געוויס באַגרענעצט, וועל איך איבערגיין צו די ערשטע יאָרן פון חברשאַפט צווישן אונדזערע „זקנים" אונטער וועלכן נאָמען מיר זיינען שנעל באַוואוסט געוואָרן צווישן די מיטגלידער אין אַרבעטער־רינג, וועלכע זיינען ניט געווען אין קלוב.

ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ געהיימע מיסטעריע אַרום אונדזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איבערטריבענער גרויסקייט און מאַכט, ווען אין דער אמתן איז אונדזער מיטגלידערשאַפט דעם ערשטן יאָר באַשטאַנען פון 88, אַזוי איז שוואַרץ אויף ווייס געווען די צירקולאַציע פון ערשטן נומער „זקן" און וועגן דער צאָל מיטגלידער און צירקולאַציע האָט מען זיך זייער פיל געוויצלט.

די אומשולדיקע אויפגאַבע פון קלוב צו קענען זיך צוזאַמענקומען איין מאָל אַ יאָר און בלויז פאַרברענגען אין אַ חברישער סביבה, האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אונדזערע מיטגלידער, וועלכע זיינען שוין געווען גאַנץ אַלט אין איבערגעגעבענער טעטיקייט אין אַלע צווייגן, זיינען פון דער צייט און אומשטענדן געצוואונגען געוואָרן צו נעמען פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע שטעלונגען אין די אינטערעסן פון אַרבעטער־רינג און

אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אָבער די שטעלונגען זיינען אָפט שלעכט פאַרשטאַנען אָדער בייזוויליק אויסגעטייטשט געוואָרן.

מען האָט אונדז באַשולדיקט אַז מיר זיינען אַ געהיימע מאַכט אין אַרבעטער־רינג צו דינען די אינטערעסן פון די קלוב־מיטגלידער; פונקט דאָס פאַרקערטע איז געווען דער אמת. ווען איינער איז אַריינגענומען געוואָרן אין קלוב, האָט מען אים גאַנץ קלאָר געמאַכט, אַז דורך ווערן אַ מיטגליד זאָל ער ניט דערוואַרטן צו ווערן דערהויבן צו גרע־סערע אַקטן אָדער כבוד אויסער די וועלכע די מיטגלידער דענקען אַז ער האָט פאַרדינט.

דער קלוב אין יעדער שטאָט האָט געדאַרפט זאָרגן ניט פאַר פּערזענלעכע אינטערעסן אין דער אָרגאַניזאַציע, נאָר די הויפּט־זאַך פאַר די פריינדלעכע, חברישע באַציאונגען צווישן די מיטגלידער.

אונדזערע קעגנער און שונאים, האָבן פאַרשפּרייט דעם בלבול, אַז אום צו קענען דערוויילט ווערן צו אַן אַמט אין אַרבעטער־רינג אָדער אַ פריינדלעכער אָרגאַניזאַציע, מוז מען זיין אַ „זקן". אָבער אַפילו פריינד האָבן געהאַט דעם פאַלשן באַגריף. דער אמת איז, אַז אונדזער קלוב אין יעדער שטאָט זאָרגט דערפאַר, אַז די פעאיקסטע און פּאַסיקסטע זאָלן זיין די פירער און וואָרט־זאָגער און אָפט שטיצן מיר ניט מיטגלידער פון קלוב קעגן דער מיינונג פון מיטגלידער, וועלכע זיינען אַמאָל צו ענגהאַרציק. און געוויס ווערן אויך געמאַכט טעותן. אָבער, פון טעותן איז קיין שום לעבעדיקע אָרגאַניזאַציע אָדער אינ־סטיטוציע ניט פריי.

איצט איז די לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע. נאָך 45 יאָר עקזיסטענץ, זיינען די אינערלעכע קאַמפן כמעט פאַרשוואונדן. אַנשטאָט אַן ענגער קרייז פון נאָענטע חברים, זיינען מיר געוואָרן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע. ס'איז דעריבער ניט אַזוי לייכט דורכצופירן די ערשטע הויפּט־אויפגאַבע פון קלוב: חברשאַפט.

זאָל דאָס ווידער ווערן דער שלאַג־וואָרט פאַר אַלע מיטגלידער פון קלוב צו אונדזער 45טן יובל. נייע און אַלטע זקנים, געדענקט די וויכטיקייט פון אמתער חברשאַפט!

מיט נייער איבערגעבנקייט צום 50טן יובל פון נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע קלובן.

JOSEPH TUVIM

1954 — פרעזידענט

A Discussion Between Father and Son

SON: Hey Pop, there's a letter here from the National Social Club.

DAD: Thanks, Son, let me have it.

SON: Pop, what is this National Social Club, aren't you too old to belong to social clubs?

DAD: No, Son, no one is ever too old to belong. The question is, where to belong!

SON: Well, all right, tell me something about it, I mean about your club.

DAD: Well, in order to do that, I must tell you something about the Workmen's Circle and if you are interested I'll commence, if not — let's forget about it.

SON: Pop, you know I'm always interested in what you do, as a matter of fact sometimes I become a pest hanging around you.

DAD: All right, sit down and I'll start. Long before I was born, Jewish immigrants settled on the East Side of New York. After living there a year or so, many moved to Philadelphia, Chicago and Boston. Many of them came because of special political and social conditions in the countries of their birth. Pogroms, religious persecution, educational restrictions and political discrimination were the causes.

When they arrived in New York, they remained in the neighborhoods of their coreligionists or countrymen, because it was much easier for them to work with the others who spoke their language. You have been down to the Forward Building with me, what is now Essex Street or Hester Street or East Broadway, was the place where workers would be able to get a job. Working conditions weren't very good at that time for these workers. They had to work long hours and their pay was very, very low. There were no labor unions among the workers who were of various trades, such as shoemakers, tailors, weavers, carpenters and leather workers, and they would meet on the streets in order to find work.

SON: But Dad, what countries did they come from?

DAD: A great portion of the immigrants came from Russia and Austria, to a lesser degree from Roumania and Hungary and Poland. I indicated before that the coming of these immigrants was due to their economic and social conditions but they lost their sense of inferiority upon arriving at these shores and replaced this backwardness with a new consciousness of their collective strength.

In the evenings they would meet to discuss the growing need of the most accessible means of gaining a livelihood for the new comer who in many instances had neither capital nor skill.

SON: It is therefore natural that they would discuss other topics as well.

DAD: You are so right, my boy! They talked about the mass immigration that radically changed the economic and social structure of the Jewish population, and about trade unionism, about education, and about building cooperative business enterprises.

SON: Pop, I think we are getting away from the subject.

DAD: No, not very much so, because you must understand the make-up of the immigrant of that day.

He was a revolutionist at heart. They had an idea that there ought to be a fraternal society organized for the purpose of mutual aid in sickness and death. There was a keen understanding that tenement and sweatshops bred many diseases and that medical care was scarce, that there were very little hospital facilities, that the earnings of the worker were not enough to provide these needs, nor was the average worker in a position to provide for a decent funeral. For many such reasons, they needed a fraternal society.

Officially the Workmen's Circle was founded in September, 1900, but history tells us that during March, 1892, two cloakmakers began discussing labor and fraternal orders among the workers. The first fraternal organization known among the workers was the Jefferson Lodge of Ancient Order of United Workmen, which was organized in 1868, but there, both employers who owned little factories and wage earners who worked for them, met together. That was not the kind of fraternal organization the cloakmakers wanted.

SON: From what I know of the Workmen's Circle, they wanted newcomers to organize for mutual protection — materially, socially and culturally, thus educating themselves.

DAD: I am proud of you, Son! You're certainly engrossed in our discussion.

SON: My interest in the Workmen's Circle is such, because I learned something about it in the Shula and then later on, in the Mitl Shula.

DAD: Did they, at any time, discuss the educational friction that existed between the members at that time, or even a little later on?

SON: No, Dad, was there friction?

DAD: Yes, quite a bit of it. The young immigrant brought with him a warm regard for the Yiddish culture and literature and attempted to stimulate their trend by demanding Yiddish schools.

SON: Where was he first school opened?

DAD: In November, 1918, there were two schools opened. One in Williamsburg and the other in Harlem.

SON: I see, Dad, that its' getting pretty near time for you to leave for the meeting of the Social Club.

DAD: Yes — so I'll be a few minutes late — I want to tell you something about the Club. The Club was organized in 1914 for the purpose of contributing to the Workmen's Circle. Its organizational group held a sincere devotion, intense faith, idealism and steadfast loyalty to the Workmen's Circle. They activated themselves to protect the Workmen's Circle and down through the years it has fulfilled its task, both in New York City and throughout the country.

Every year it meets in convention to elect officers. The leader of this Club is called the Chief, a more devoted soul cannot be found. He administers the cultural and educational activities and undertakings of the Club with very little help. As a matter of fact, he feels that if a job must be done it is he, and he alone, that carries the responsibility and thus he is effectively exploited, not by his associates but by his own self. I am going to this meeting because we're arranging to celebrate the 45th anniversary and frankly speaking, I shall await a few more suggestions by him — how to maintain and strengthen the Workmen's Circle. You've heard his name before, it's Ephim Jeshurin.

יוסף בערנשטיין

פּרעזידענט — 1956

אַ סאַלוט צו די זיגער פון צוויי גענעראַל־שלאַכטן און פאַר אויפהאַלטן פרידן פאַר 45 שטורעמדיקע יאָרן

די קליינע גרופּע פּיאָנערן, וועלכע האָבן מיט 45 יאָר צוריק געגרינדעט דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, האָבן ניט געחלומט, אַז פון דעם קליינעם אָנהויב וועט אויסוואַקסן אַזאַ וויכטיקע אַרמיי וואָס וועט זיין אימשטאַנד צוריקצושלאָגן שטאַרקע אָנגרייפונגען פון אויסערלעכע שונאים און פון אייגענע פאַררעטער און היץ־קעפּ, וועלכע האָבן געדראָט דעם עצם עקזיסטענץ פון אַרבעטער־רינג.

די 45 יאָר נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב דאַרפן איינגעטיילט ווערן אין צוויי עפּאָכן, אין וועלכע די אייגנאַרטיקע אָרגאַניזאַציע פון געקליבענע, לאָיאַלע מיטגלידער האָט אָנגעפירט צוויי אַרויסגעצוואונגענע מלחמות און אַרויסגעקומען אַלס זיגער.

די ערשטע עפּאָכע דאַרף באַצייכנט ווערן אַלס דער „בירגער־קריג פון יונגע און אַלטע", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, אומגעפער, אין די יאָרן 1912־13 און האָט זיך פאַרענדיקט ביי דער קאָנווענשאָן פון 1916, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ברוקלין, אין וועלכער מיין ווייניקייט, דאַן דער סעקרעטאַר פון דער באָרד אָוו דירעקטאָרס, האָט פאַרטיידיקט די זאָגענאַנטע אַלטע (אין עלטער פון 36 יאָר) און דער פאַרשטאָרבענער וויליאַם עדלין האָט געזאָלט פאַרטיידיקן די זאָגענאַנטע יונגע, און האָט, אַנשטאָט פאַרטיידיקן, אויסגעשטרעקט די האַנט פון שלום און דערמיט פאַרענדיקט דעם ברודער־קריג.

די צווייטע וויכטיקע, ריכטיקער, די געפערלעכסטע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם יאָר 1917 און האָט אָנגעהאַלטן אומגעפער ביז די יאָרן 1927־28. דאָס איז געווען די שטאַרקסטע און „בלוטיקסטע" שלאַכט מיט פאַררעטער, וועלכע האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין אונדזערע רייען און מיט דער הילף פון דרויסנדיקע כוחות.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ וועלן מיר אויסלאָזן די קלענערע אינערלעכע קאַמפן אין דער צווישנצייט, ווי דער קאַמף פאַר פּראָטוירנאַלע רייטס, דער קאַמף פאַר און קעגן יידישע שולן, די שפּאַלטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, די ערשטע שפּאַלטונג אין דער ס. פּ., וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון די קאָמוניסטן און שפּעטער די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי גופא. אָט די אַלע קאַמפן האָבן זיך דאָך נאַטירלעכערוויַזע, שטאַרק געלאָזט פילן אין די רייען פון די קלוב־מיטגלידער.

איצט מעגן מיר דאָס דערמאָנען מיט אַ גרינג געמיט און פייערן אונדזער פינף און פערציקסטן געבוירנטאָג מיט פרייד און האָפענונג אַז מיר, אַלע צוזאַמען, אָן אויסנאַם, וועלן פייערן אונדזער פופציקסטן יאָרטאָג אין אַ וועלט פון שלום און פאַרברידערונג. מיט אַ סאַלוט צו די זיגער!

געוועזענער אָבער דאַאיקער 43ער פּרעזידענט פון
דעם אומבאַזיגבאַרן נאַציאָנאַלן סאָשעל קלוב

יחיאל עבעריל

פרעזידענט — 1957

זייט האַרציק באַגריסט, מיטגלידער פון קלוב

ווען דער קלוב איז אָרגאַניזירט געוואָרן האָבן מיר זיך ניט געקענט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ פּלאַץ דער קלוב וועט פאַרנעמען אין אַרבעטער־רינג.

עס ווערט 45 יאָר אַז דער קלוב עקזיסטירט. אין די 45 יאָר איז דער קלוב געווען שטענדיק אויף דער וואַך פאַר דער גאַנצקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

אין יעדער צייט ווען עס איז געווען אַ געפאַר אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל פאַרניכטעט ווערן, האָט דער קלוב אָרגאַניזירט זיין מיטגלידערשאַפט אין קאַמף און געהיט דעם אַרבעטער־רינג. ווען די קאָמו־ניסטן זיינען אָנגעפאַלן, זיינען די מיטגלידער פון קלוב געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער אַרבעט און ניט דערלאָזן, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל אַריינפאַלן צו די קאָמוניסטן.

פאַר דעם נעמט אָן מיין האַרציקע באַגריסונג.

באַגריסונג פון מאָנטרעאָלער קלוב

דעצעמבער 4, 1958

חשובער פריינט און קאָלעגע, טשיעף ישורין:

איך דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג צו שרייבן צום „חברשאַפט" לכבוד דעם 45־יאָריקן יובל.

איך געדענק נאָך די קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג אין פילאַדעלפיע אין 1913, ווען דער פאָרשטאָרבענער פר. י. וויינבערג און נאָך איינער, וועמענס נאָמען איך געדענק שוין ניט, איז אַרומגעגאַנגען צווישן די דעלעגאַטן און פּרובירט ווערבירן מיטגלידער פאַרן קלוב. איז אַזוי ווי מערסטע האָבן ניט געוואוסט מיט וואָס „מען עסט עס", בין איך און נאָך דערצו אויך געווען כמעט אַ „גרינער", ווייל כטש איך בין געווען אַ דעלעגאַט צום אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן, בין איך געווען ערשט קנאַפּע צוויי יאָר אין לאַנד — איז אַז וויינבערג און זיין פריינד זיינען צוגעקומען צו מיר, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „וואָס איז דאָ צו ריידן צו אים — ער איז דאָך נאָך אַ גרינער אין לאַנד!" — און זיינען אַוועק ווייטער.

ביי אונדזער מאָנטרעאָלער קלוב, פאַרזאַמלט דעם 25טן נאָוועמבער ביי קאָלעגע משה טראַסמאַן'ען איז גאַנץ גוט אַרומגערעדט געוואָרן וועגן אונדזער לעצטן 5־יאָריקן באַנקעט אין מאָנטרעאָל, וואָס האָט זיך גראָדע ניט צו גוט איינגעגעבן צוליב די שלעכטע אַראַנזשירונגען; אָבער, „גאָט ווייס דעם אמת", אַז מיר זיינען אין דעם ניט שולדיק. מיר האָבן אָבער אַלע אין איין קול צוזאַמען באַשלאָסן צו באַגריסן דעם 45־יאָריקן יובל פון נ.ס.ק., וואָס מען קלייבט זיך צו פייערן דעם 27טן דעצעמבער אין סטאַטלער האָטעל, און ווינטשן אייך אַלעמען צו דערלעבן פייערן דעם 50־יאָריקן יובל פון קלוב און נאָכער וועלן מיר בעטן פאַר נאָך אַ סך יובילעאומס אויף ווייטער.

מיט האַרציקע גרוסן צו אַלע קאָלעגן,

מאָנטרעאָלער קלוב פון נ. ס. ק.

ס. מירמאַן, סעקרעטאַר און לאָקאַלער טשיעף

ישראל ברעסלאו

דער שומר פון אַרבעטער־רינג

דער נאַציאָנאַל סאָציאַלער קלוב קען מיט רעכט אָנגערופן ווערן דער שומר פון אונדזערע טראַדיציעס און דער אָפּהיטער פון דער ריינקייט אין אַרבעטער־רינג.

אין די 45 יאָר פון אונדזער עקזיסטענץ האָבן מיר דורכגעמאַכט גרויסע און מאַנכעס מאָל ביטערע קאַמפן. פון יעדן קאַמף, פון יעדן סיכסוך איז דער אַרבעטער־רינג אַרויסגעקומען געשטאַרקט און געלייטערט.

די נוצלעכקייט און ווערט פון אונדזער קלוב קען מען ערשט באַגרייפן און באַנעמען ווען מען פאָרט איבערן לאַנד און מען טרעפט זיך דאָרטן מיט אונדזערע קאָלעגן, וועלכע זיינען אין די מערסטע פאַלן אין דער אָנפירערשאַפט פון אונדזער גרויסן אַרבעטער־רינג. אין יעדער שטאָט און שטעטל, וואו עס געפינען זיך ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג, טרעפט מען אונדזערע קאָלעגן ביי דער אַרבעט פון בויען און שטאַרקער מאַכן אונדזער אָרדען. און זיי טוען דאָס מיט האַרץ, מיט נשמה און מיט זעלבסט־אָפּפערוויליקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

אונדזערע קאָלעגן איבערן לאַנד זיינען אַ געשולטע און דיסציפּלינירטע אַרמיי פון איבערגעגעבענע טוער מיט וועלכע מען דאַרף צו פיל ניט קנעלן. זיי פאַרשטייען זיך אויפן וואונק. און טוען אַלץ, וואָס די צייט און אומשטענדן פאָדערן, אַז עס זאָל געטאָן ווערן. דעריבער ווען מיר פייערן אונדזער 45 יאָריקן יובל און מיר קומען זיך צוזאַמען ביי אונדזער יערלעכן צוזאַמענפאָר, קען מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן האָבן מיר געטאָן גוטע און נוצלעכע אַרבעט.

דער פירער פון אונדזער קלוב, דער „טשיף", יעפים ישורין, פאַרדינט באמת גרויס אָנערקענונג פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט אַזוי פיל יאָרן צו שטיין אין דער שפּיץ פון קלוב און אָנפירן מיט דער אָרגאַניזאַציע. און די אַרבעט טוט ער שטיל, באַשיידן און אָן איבעריקן טומל און געפילדער. יעדער אונטערנעמונג אָדער אַקציע, וואָס דער קלוב נעמט זיך אונטער דורכצופירן, קומט ביים „טשיף" אַרויס מיט דערפאָלג און אויף דעם שענסטן און בעסטן אופן.

איצט, ווען דער אַרבעטער־רינג געפינט זיך אין אַ גאַנץ שווערן צושטאַנד, ווען גרויסע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען מאַטערן אונדזער באַליבטן אָרדען — ערשט איצט איז נויטיק צו האַלטן די רייען פון אונדזער קלוב־מיטגלידערשאַפט צעמענטירט און געשטאַרקט, כדי מיר זאָלן ווייטער קענען פירן דעם אַרבעטער־רינג צו אַ שענערער און בעסערער צוקונפט.

זייט אַלע געגריסט, קאָלעגן און פריינד, צו אונדזער היינטיקן יום־טוב!

בנימין געבינער

די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט

מיר פייערן איצט 45 יאָר „חברשאַפט״, 45 יאָר פון עקזיסטענץ פון דעם סאָשעל קלוב. איך בין נישט געווען ביי דער גרינדונג פונעם קלוב, איך האָב אָבער זייער פיל געהערט און געלייענט וועגן דעם. איך בין גוט באַקאַנט מיט דער אַרבעט פונעם קלוב פאַר די לעצטע קאַרגע 30 יאָר. איך ווייס וואָס דער קלוב האָט געמיינט און מיינט פאַר זיינע מיטגלידער. איך בין באַקאַנט מיט דעם וואָס דער קלוב האָט געמיינט פאַר דעם אַרבעטער־רינג, פאַר דער פּרעזערווירונג פון זיין גאַנצקייט, פאַר דער אויפהאַלטונג פון זיין גייסט און זיינע אידעאַלן.

יאָ, מ׳זאָגט אַז מיר זיינען עלטער געוואָרן, און דאָס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס אין גאַנג פון לעבן. מ׳זאָגט (און איבערהויפּט די, וועלכע האָבן פּיינע דערינערונגען וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן פון דעם קלוב), אַז אַמאָל, אַמאָל איז געווען אינטערעסאַנטער, לעבעדיקער, אַנדערש ווי היינט אין די רייען פונעם קלוב. נו, דאָס איז אויך נאַטירלעך, ווייל יעדע לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכע גרופּע מוז זיך רעכענען מיט דעם גאַנג פון דער צייט.

און די צייט איז היינט אַנדערש ווי אַמאָל. אונדזערע מעגלעכקייטן זיינען אַנדערש ווי אַמאָל, און דאָך זיינען פאַראַן אַ סך זאַכן פון דעם אַמאָל וואָס זיינען גוט אויך היינט און דאַרפן זיין גוט פאַר דעם מאָרגן.

דער פּרינציפּ פון חברשאַפט אין אונדזערע קלוב־רייען, וועלכער איז געווען דער גרונט־שטיין פונעם קלוב, דאַרף זיין אויך אַ הייליקער פּרינציפּ היינט און מאָרגן. אָפּ־היטן דאָס וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין דעם אַרבעטער־רינג, אין אונדזער גייסטיקן לעבן, אין אונדזער קולטור פאַרמעסט, אין אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אין דער פּאָזיציע וואָס דער אַרבעטער־רינג פאַרנעמט היינט צו טאָג אין דעם יידישן לעבן — איז פון געוואַלדיק גרויסער וויכטיקייט. דאָס דאַרפן מיר אין זינען האָבן, ווייל חברשאַפט אַליין, ווי וויכטיק עס זאָל ניט זיין, איז ניט גענוג פאַר אונדז, ווייל מיר זיינען דאָך אַ באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע סביבה; מיר זיינען דאָך די, וועלכע האָבן געבויט, אַנט־וויקלט דעם אַרבעטער־רינג, פילע צווייגן פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, בייגע־טראָגן עפּעס אייגנאַרטיקס צו דעם אַלגעמיינעם און צו דעם יידישן לעבן. און מיט דעם מעגן מיר זיין שטאָלץ, אָבער בלויז שטאָלץ זיין און זיין איבערפילט מיט אַ געפיל, אַז דאָס איז וויכטיק, איז ניט גענוג. מ׳דאַרף עס אָפּהיטן. מ׳דאַרף עס הייליק האַלטן, און מ׳דאַרף זען באַווירקן די יינגערע צווישן אונדז, פון אונדזער סביבה, פון אונדזער אָר־גאַניזאַציע, פון אונדזער באַוועגונג, אַז אויך זיי זאָלן האָבן דעם געפיל פון וויכטיקייט דאָס אַלץ צו פּרעזערווירן און פאַרזעצן אויף זייער אופן, אָבער לויט די פונדאַמענטאַלע צוגאַנגען און גלויבן פון די עלטערע טוער.

מיר לעבן איצט אין אַ שווערער צייט. שווער אין דעם אַלגעמיינעם, שווער אין דעם יידישן לעבן. מיר ראַנגלען זיך קעגן דעם אָנגריף פון כוחות, וועלכע ווילן אָפּווישן, אומברענגען דאָס אַלץ וואָס איז אונדז אַלעמען געווען און איז טייער.

אַט טאָקע אין גייסט פון חברשאַפט, חברשאַפט פון איינעם צו דעם צווייטן, חברשאַפט אין נויט, אין לייד און אין פרייד, דאַרפן מיר, אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע גרופּע, געמיינשאַפטלעך און מיט פאַרשטענדעניש און טרייקייט אַרבעטן און קעמפן אַז אונדזער ליבע אַרבעטער־רינג אָרגאַניזאַציע זאָל ניט קלענער ווערן, זאָל ניט אָנווערן איר קאָליר, איר אידעאַל, איר אינהאַלט, איר ראָל. דאָס איז אונדזער אויפגאַבע היינט צו טאָג. אַן אויפגאַבע ווען פאַרשטענדיקן זיך וועגן דעם, אַן אויפגאַבע צו פאַרשטיין איינער דעם צווייטן, אַן אויפגאַבע דאָס צעמענטירן און נאָך שטאַרקער מאַכן. זאָל אַט דער גייסט באַלויכטן אונדזער וועג נאָך פאַר פילע יאָרן.

פאָול פרומהאַרץ

באַגריסונג פון טאָראָנטער קלוב

מיין טייערער טשיף ישורין: —

אין אייער צווייטער דערמאָנונג געשיקט צו מיר „עיר מייל" שרייבט איר, אַז איר וועט פייערן 45 יאָר פון אונדזער קלוב און אין פאַרבינדונג מיט דעם גרויסן יום־טוב ווערט צגעגרייט אַ ספּעציעלער נומער „חבר־שאַפט".

איר שרייבט אויך, אַז עס איז אַ גרויסער יום־טוב און אַז די 45 יאָר לעבן אוןווירקן פון אונדזער קלוב פאַרדינען, אַז מיר זאָלן אונטערציען אַ סך הכל.

פאַרשטיי איך עס זייער גוט, אָבער, ווי קום איך צו שרייבן פאַרן „חברשאַפט"? אָבער אַז איר הייסט, טאָר מען ניט אָפּזאָגן. וועל איך פּרובירן אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער.

וועל איך קודם כל באַגריסן דעם „טשיף", דעם רעדאַקטאָר פון חברשאַפט, דעם וועג ווייזער, ווי אַזוי קלוב־מיטגלידער דאַרפן זיך אויפפירן, און אויב מען וויל, צופרידן שטעלן דעם בעל הבית פון קלוב.

איר זייט אַן אויסגעצייכנטער „טשיף", דער בעסטער וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט, פאַקטיש איז דאָך קיינמאָל ניט געווען קיין אַנדער „טשיף".

איך באַגריס אַלע מיטגלידער פאַר זייער לאָיאַליטעט צום קלוב און צום „טשיף"; איך באַגריס אַלע געסט וואָס וועלן זיין ביים גרויסן יובל יום־טוב, איך באַגריס אַלע באַאַמטע, וויצע־פּרעזידענטן, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט דערוויילט, נאָר זיינען „אַפּאָינטעד" געוואָרן און ווייסן קיינמאָל ניט ווען זיי וועלן באַזייטיקט ווערן. איך באַגריס אַלע לאָיאַלע מיטגלידער צו אונדזער טייערן און גרויסן „טשיף".

איך באַגריס דעם קלוב צו זיין גרויסן יובל אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער פון טאָראָנטער קלוב.

זלמן יעפּרויקין

דער קלוב איז אַ צעמענטירנדיקער כוח פֿאַר דעם אַרבעטער־רינג

ליבער פֿריינד ישורין:

איך דאַנק אייך פֿאַר אייער פֿאַרבעטונג צו באַ־גריסן דעם קלוב צו דעם 45טן יובל־פֿייערונג.

איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג גלייך דעם ערשטן חודש וואָס איך בין אָנגעקומען אין אַמעריקע (אין ברענטש 75). ווען איך האָב גע־מאַכט מיינע פּלענער צו פֿאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך געוווּסט, אַז אין דעם נייעם לאַנד וועל איך געפֿינען אַן אָרגאַניזאַציע, וואו איך וועל זיך אויס־לעבן געזעלשאַפֿטלעך און קולטורעל, אַן אָרגאַניזאַציע וואו איך וועל געפֿינען אַ געזעלשאַפֿטלעכע סביבה ענלעך אויף דער באַוועגונג אין דער אַלטער היים. איך האָב געוווּסט אַז אין דעם אַרבעטער־רינג וועל איך געפֿינען די אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט זיך איין פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט אין אַלגעמיינעם לעבן, פֿאַרן יידישן אייגנאַרטיקן המשך און פֿאַר דער יידישער שעפֿערישקייט.

איך בין ניט געוואָרן גלאַט אַזוי אַ מיטגליד פֿון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, נאָר דער אַרבעטער־רינג איז מיר געוואָרן ליב. איך האָב מיך געפֿילט, אַז ער איז מיין אָרגאַני־זאַציע און איך האָב מיר גאָרניט געקענט פֿאָרשטעלן מיין זיין אין אַמעריקע אָן אים.

נאַטירלעך, אַז אין אים האָב איך גאָר גיך געפֿונען פֿריינד וואָס זיינען מיר געווען אידעאיש נאָענט, מיט וועמען איך האָב געקענט זיך אויסלעבן חבריש און צוזאַמען אויך פֿאַרברענגען. געמיינשאַפֿטלעכע אַרבעט און געמיינשאַפֿטלעכע צילן באַפֿריינדן מענטשן, בינדן זיי צו איינער צו דעם אַנדערן.

אַ טייל פֿון מיינע חברים זיינען געווען מיטגלידער פֿון דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב. האָבן זיי גענומען מיך מיטנעמען צו די יום־טובים פֿון קלוב. איך האָב דאָרט באַ־מערקט אַן אָנגענעמע חבֿרשע אַטמאָספֿער, אַן אַטמאָספֿער פֿון גוט־ברודערשאַפֿט, פֿון נאָענטקייט איינער צום צווייטן. האָב איך אַן ערך מיט צוואַנציק יאָר צוריק זיך אָנגע־שלאָסן אָן דעם קלוב.

ווען דער קלוב האָט זיך געגרינדעט איז זיין ערשטער און איינציקער ציל געווען אָנצוהאַלטן פֿריינדשאַפֿט צווישן די מיטגלידער. אָבער אַזוי ווי זיינע מיטגלידער זיינען ניט געווען קיין צופֿעליקע, נאָר זיי זיינען דער עיקר געווען די אַקטיוויסטע טוערס פֿון אַרבעטער־רינג, האָט זייער פֿריינדשאַפֿט זיך אויסגעשמידט נאָך פֿריער אין דער טאָג־טעגלעכער זאָרג און אַרבעט פֿאַרן אַרבעטער־רינג. איז געווען דעריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז ווען עס איז געקומען אַ געפֿאַר וואָס האָט געדראָט דעם אַרבעטער־רינג (דער קאָמוּ־ניסטישער אָנגריף פֿון 1926), אַז מען זאָל פֿאַרגעסן אָן דעם אָריגינעלער באַשלוס: „אַבסאָלוט ניט האָבן צו טאָן מיטן אַרבעטער־רינג אַלס אָרדען" און אַלע זיינע מיט־גלידער האָבן ווי אַ געשלאָסענע וואַנט זיך געשטעלט קעגן די אָנגרייפֿערס צו פֿאַר־טיידיקן די גאַנצקייט פֿון אָרדען. ממילא האָט דער גאַנצער קלוב גענומען זיך איינ־

טערעסירן מיטן אַרבעטער־רינג. זיין פֿאַרדינסט אין יענער צייט דאַרף פֿאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע בוכשטאַבן.

דער קלוב פֿאַרשטייט זיך דאַרף אויך ווייטער אָנהאַלטן זיין לאָזונג פֿון חברשאַפֿט, פֿריינדשאַפֿט. די פֿריינדשאַפֿט דאַרף זיין אַן אויפֿריכטיקע, אַן אמתדיקע, יעדער מיט־גליד זאָל עס פֿילן.

דער קלוב דאַרף אויך ווייטער פֿאַרבלייבן אַ צעמענטירנדיקער כוח פֿאַר דעם אַקטיוו פֿון אַרבעטער־רינג, אַ כוח וואָס זאָל פֿאַרפֿעסטיקן די בויענדיקע כוחות פֿון אַרבעטער־רינג פֿאַר נייע אויפֿטוען און נייע דערגרייכונגען. נאָר אַזוי וועט פֿאַרזיכערט ווערן די צוקונפֿט פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע ווי אַ ווירקנדיקער פֿאַקטאָר אין יידישן לעבן.

נאָך יעמאָלט וועלן מיר פֿייערן ווייטערדיקע יובילייען פֿון קלוב.

באַגריסונג פֿון לאָס אַנדזשעלעסער קלוב

דוד גאָלדמאַן

א. פּילער

דער קלוב אין לאָס אַנ־דזשעלעס פֿייערט צוזאַמען מיט אייך אונדזער אַלעמענס יום־טוב. פֿאַר די 45 יאָר עקזיסטענץ פֿון אונדזער „זקנים קלוב" זיינען אויפֿטוען געוועזן גרויס אויפֿן געביט פֿון באַשיצן דעם אַרבעטער־רינג, וואָס דאָס איז אים געלונגען אין דער פֿולער מאָס. די פֿאַרדינסטן פֿון אונדזערע לאַנגיאָריקע טוער און בויער וועלן קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן.

היינט, נאָך 45 יאָר, זיינען די אויפֿגאַבן אַנדערע, ווייל די צייט און די באַדינגונגען זיינען אַנדערע, פֿריער פֿון אַלץ מוזן מיר צוגרייטן טוער און פֿירער, אין וועמענס הענט מיר זאָלן מיט זיכערקייט איבערגעבן די פֿירערשאַפֿט פֿון אונדזער אָרדן, ווען די צייט וועט עס פֿאַרלאַנגען. און בכדי צו געפֿינען אַ געהעריקע אַטמאָספֿער פֿאַר די צוקונפֿטיקע טוער און פֿירער, מוזן מיר זאָרגן אַז אַלעס וואָס עקזיסטירט היינט, דאַרף דערמאָנען דעם שיינעם אידעאַליסטישן נעכטן. דאָס איז אָבער ווייט ניט אַלץ, די אויפֿגאַבן זיינען אומ־צאָליקע, און קיינער איז ניט צו אַלט צו טאָן זיין חלק.

דאָס איז, און זאָל זיין דער זין פֿון אונדזער היינטיקן יום־טוב און פֿון די ימים־טובים וואָס וועלן נאָך קומען.

ד ו ד ג אָ ל ד מ אַ ן, סעקרעטאַר, לאָס אַנדזשעלעס „זקנים קלוב"

WILLIAM STERN

Is It 45 Years Already!

I was three years old when the National Social Club was formed. How well I remember it! I was then a member of the *alte group,* and I resented the *yunge* upstarts who wanted to dominate the Arbeter Ring even though they had not yet *gepocked* or *gemeaselt.* But I realized that the young are entitled to make mistakes, so I overlooked their *chutzpeh* and I agreed with the other *alte* to take them into our Club.

Ever since then I know how to deal with young *chutzpeniks.* Today they give me no trouble. I even made a living from them. Now my trouble comes from the other side.

That's life.

But I have come to be grateful to the National Social Club for teaching me how to conquer the opposition—with kindness, understanding, and a slate.

I am also grateful to Ephim Jeshurin, for teaching me that politics is not the most important thing. First comes life. Politics is second.

We should all acknowledge that Jeshurin was the greatest President of the Workmen's Circle, while he was President.

It is also beyond dispute that he has been the greatest chief our Club has had in all its 45 years.

I recognized his talent when I attended his coronation in 1913. I was one of the flower boys. Yankele Zukerman was the other one — the one with the moustache. It was a brilliant event — everybody seemed very happy, that all their political worries in the Arbeter Ring were being plopped onto the crowned head of one man. Now for 45 years they have been saying "Hail to the Chief — Keeper of Our Headaches!"

* * *

I shouldn't be so serious. My trouble is that I always get too sentimental when I talk about the Club and the chief.

In a lighter vein, therefore, I should say that my association with the Club and its members has been a source of great comradeship, in a spirit of fun and relaxation, and under auspices of heartwarming mutual devotion to the best interests of our Workmen's Circle.

It is in itself a superb example of the kind of fraternalism which the Arbeter Ring represents — an opportunity to help one another in time of need, to celebrate one another's anniversaries and *simchas,* and to be in each other's company in friendship and in *naches.*

My Lucy joins me in thanking Friend Jeshurin for all the good times he has made it possible for us to enjoy, and for all the many prompt remembrances of our personal anniversaries. His devotion to the success of the Club through all the years has been its surest foundation. May it long endure! May he and his lovely Mitzi, and their family long endure!

And may the stout Workmen's Circle heart of our Social Club long endure!

בילד גענומען אין מאָנטרעאָל, דורך דער צייט ווען דער אַרבעטער־רינג
האָט אָפּגעהאַלטן זיין קאָנווענשאָן אין מאַי 1958



פון רעכטס צו לינקס: דעניעל מירמאַן, סעקרעטאַר; יעפים ישורין, טשיף, דעניעל א. איפשין, נאַציאָנאַלער פרעזידענט פון קלוב; פייגעלסאָן, דאַמאָלטדיקער פרעזידענט פון קאָנטרעאל קלוב און מייקעל רובינשטיין, געוועזענער פרעזידענט פון נעשאָנעל סאָשעל קלוב אין יאָר 1955.

Our Yesterday Is But a Prologue

JACOB T. ZUKERMAN

No institution in our movement has been closer to the history and development of the Arbeter Ring than the National Social Club. For ours always has been more than a closely knit fraternity of good friends and comrades—though that alone would have more than justified our existence. It is a well-shared secret that had it not been for the almost super-human efforts and consistent dedication of the members of the NSC, there might have been no A.R. today—certainly not the great bulwark of social democratic, Yiddish *veltliche* orientation which it is. Official histories may not record this. Yet there are less formal chronicles written in the hearts and minds of the devoted thousands who were part of that great struggle against totalitarianism within our own Jewish labor movement and in the less dramatic but, equally significant development of Yiddish *veltlichkeit* as a philosophy of life. And, in these archives, there are glorious recollections of the contribution of our Club to the greatness of our A.R.

More recent years have been marked by greater harmony in ideological outlook among us—and they have been relatively quiet years. True we still have our differences in theoretical as well as practical approaches, but we have learned to respect one another's opinions, without necessarily accepting them—and there has been a calm. But with the tranquility of mind has unfortunately come a slowing-up of tempo, a passiveness of spirit which has seriously affected our movement. People who believe in a cause, workers for an ideal, can never be content with resting upon laurels of the past. We must not allow ourselves to think in terms of "after me—the flood!"

If the Arbeter Ring is to continue to be what it is and what all of us wish it to be, then we must provide now for the future. And we the members of the N.S.C. must once again gird our loins for battle—you and I must again rise to the barricades—and to the defense of that which we have built.

The greatest need of our A.R. today is the creation of neighborhood centers for all our members, for all our activities, for all of our children and grandchildren. If we are not to lose our younger membership to the temples and synagogues and other centers which have sprung up in every community in which there has been an influx of Jewish population, then we must create *at once* community cultural centers of our own. If our school and educational movement is to grow; if our younger folks are to be

attracted to our point of view in Jewish liberal life; if our present membership, younger, middle-aged and older is to be given further opportunity for activity in our cultural environment, in our *sviveh*; if we are to continue to be a pro-labor force in the Jewish community, a proponent of Yiddish, secular education and a haven for the young Jews wishing to be identified with Jewish life without necessarily belonging to a religion-oriented institution—then the Arbeter Ring simply must have local centers in every growing Jewish community!

The National Executive Committee, under the leadership of President Breslow and General Secretary Chanin, has initiated a drive for $250,000 to help localities in Metropolitan New York to establish such centers—and I have been honored by being asked to assist in the leadership of this campaign. Sharing with me in this great responsibility are our dear chief, Ephim Jeshurin, and our outgoing president, Daniel Ifshin, past presidents Yudel Bornstein, Yechiel Eberil, Jack Roberts, Samuel Silverberg and Nathan Chanin and many other of our most active N.S.C. members.

What we need is the complete, unstinting help of *every member* of our club—not only in giving himself—and giving fully, more than he ever dreamt of, but each member must see to it that every member in his branch gives substantially; that all his friends and relatives, members and non-members, be urged to contribute to the future of Yiddish *beltlichkeit* and liberalism.

This is one time when all of us must help to the very maximum of our ability, and more! *This is for our own future*—for the very existence of our A.R. that we must give and get contributions—for our "W.C. Community and Culture Center Fund!"

In providing leadership and inspiration to the rest of the A.R. membership, we in the N.S.C. will, as always, be the sparkplug of activity, we who are the leaders will give further proof of the value of an organization like ours. The N.S.C. was created 45 years ago to point the direction in which the A.R. should go. Through storm and strife it has served as beaconlight for all the tried and true to follow. Once again as the A.R. meets the serious challenge to its existence as a great Jewish labor fraternal organization, we in the N.S.C. will be there to stem the tides of indifference, to infuse a renewed spirit of idealism and devotion—to build for the future. For truly, our glorious yesterday is but a prologue to the great drama of the future which we are yet to play!

ס. רעגענסבערג

יעפים ישורין — דער „גלאַוונער" מחותן

(45 יאָר אין קלוב און 33 יאָר אַלס טשיף)

יעפים, דער אייגנאַרטיקער און אומפאַרגלייכ־באַרער, איז געקומען צו דער מאַכט אין יאָר 1926, ווען דער קו קלוקס קלען אין אַמעריקע האָט געהאַט פינף מיליאָן מיטגלידער, מער ווי אַמעריקאַנער יו־ניאָנס האָבן פאַרמאָגט, ווען דער שווייגנדיקער קאַלווין קולידזש איז שוין געזעסן אין ווייסן הויז אַלס אַמע־ריקאַנער פּרעזידענט; און אַל. קאַפּאָנע, דער „צאַר" פון דער אונטערוועלט אין שיקאַגאָ, איז שוין געווען איינגעזאָטלט אין זיין מאַכט. מיט 12 יאָר פריער, אין 1914, איז ער אָנגעקומען אַלס מיטגליד אין דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, אַ חודש נאָך דעם ווי דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן. שטילינקערהייט האָט דער קלוגער ישורין אויסגעטראָטן פאַר זיך אַ וועג צו אַ מאַכט וואָס האָט נישט דאָס גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַ יאָרהונדערט פון מלחמות, רעוואָלוציעס און דיקטאַטור.

פאַר דער צייט וואָס יעפים ישורין קעניגט איבער זיין ממשלה פון הודו ביז כוש, פון מעין ביז קאַליפאָרניע, אין די פאַראייניקטע שטאָטן און קאַנאַדע, האָט ער באַוויזן צו זיין אַ קאַסירער; אַ בוכהאַלטער; אַ סאָציאַליסטישער טוער; דער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג פאַר דריי טערמינען; אַ פליענדיקער דעלעגאַט צו די אינטערנאַציאָנאַלע „אָרט" קאָנגרעסן; אַ ביבליאָגראַף, וועלכער זאַמלט און פאַרצייכנט אַלץ וואָס יידישע שרייבער און דיכטער שאַפן; און, זינט דעם טויט פון אַב. קאַהאַן, דער פּראָמינענטסטער ווילנער לאַנדסמאַן, וועלכער רעדט אין נאָמען פון דער יידישער ווילנע, פונקט ווי ער וואָלט געווען איר אַמבאַסאַדאָר.

פאַר דער צייט וואָס יעפים ישורין איז טשיף, זיינען פאָרגעקומען צוויי וועלט־מלחמות און איינע פון זיי גייט נאָך אַלץ אָן אַלס אַ „קאַלטע" אָנשטאָט אַ „הייסע" מלחמה. עס זיי־נען פאָרגעקומען רעוואָלוציעס. געקרוינטע קעפּ זיינען געפאַלן ווי די פליגן. מוסאָליני און היטלער זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט. צאַר ניקאָליי איז דערשאָסן גע־וואָרן אין אַ קעלער. אָבער קיין שטורעם, קיין רעוואָלוציע, האָט נישט באַוויזן צו שע־דיקן אויף אַ האָר די ממשלה פון יעפים ישורין אַלס „טשיף" פון דעם קלוב. שוין הע־כער דריי צענדליק יאָר ווי זיינע אונטערטאַנען ברעכן זיך די קעפּ, זוכנדיק אַ מיטל ווי אַזוי אים אַרונטערצוזעצן. זיי האָבן נישט איינמאָל פּרובירט אים איינריידן אַז ער זאָל ווערן אַ פּרעזידענט. דאָס וואָלט זיי געווען געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קריינען אַ נייעם טשיף, אָבער גיי מאַך אים פאַר פּרעזידענט, ווען ער אַליין דיקטירט דעם „סלעיט" פון די באַאַמטע פאַרן קלוב. און טאָמער האָט איינער זיך אַמאָל אָנגענומען מיט מוט און געפאָדערט אַז ער זאָל אָפּדאַנקען, האָט ער אים געענטפערט, אַז נישט ער דאַרף „אָפּ־דאַנקען" דעם קלוב, נאָר דער קלוב דאַרף אים דאַנקען, ווייל האָט ער דען נישט באַ־וויזן אַרויסצופירן די יערלעכע „קערמישלאַך" פון בעטהאָווען האָל און די דריט־קלאַסיקע האָטעלן, צו די אָנגעזעענסטע האָטעלן אין ניו יאָרק?

ביי דעם ערב 45טן יובילײ־מיטינג פון קלוב, האָט ער טאַקע באַקאַנט געמאַכט אַז

צוויי פון די גרעסטע האָטעלן אין דער גרעסטער שטאָט פון דער וועלט, האָבן געפּירט צווישן זיך אַ מלחמה אַריינצוקריגן צו זיך דעם יערלעכן באַנקעט פון קלוב. די וואַלדאָרף אַסטאָריאַ, וואו אַמעריקאַנער פּרעזידענטן זיינען איינגעשטאַנען, האָט ממש געקערט וועלטן, האָט זיך געבעטן רחמים און איז געווען גרייט צו מאַכן אַלערליי קאָנצעסיעס, אַבי צו האָבן דעם באַנקעט ביי זיך. ביי יענעם ערב יום טובדיקן מיטינג האָט דער טשיף אויך געגעבן „אַמנעסטיע" צו די פּראָטאָקאָל־שרייבער און לייענער. דער מענטש וועלכער האָט גענאָסן פון דער „אַמנעסטיע", איז געווען דער פּראָטאָקאָל־שרייבער און לייענער, אַווראַמעלע הערשקאָוויץ. ער וועט פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע אַלס דער ערשטער סעקרעטאַר, וועלכער האָט געלייענט אַ פּראָטאָקאָל נישט פאַר די „לייִדיקע ווענט", נאָר ביי אַ באַנקעט. ביי דערזעלבער אסיפה האָט יעפּים באַוויזן אַז ער פירט זיך מעשה־דעמאָקראַט. ער לאָזט דעם עולם שטעלן פראַגן, אָבער אין זיין קאָנסטיטוציע (און ער איז אַ מייסטער אין שרייבן קאָנסטיטוציעס. אַ סימן האָט איר, אַז ווען דער אַרבעטער־רינג האָט געדאַרפט בייטן זיין קאָנסטיטוציע, האָט מען געמוזט אַנקומען צו אים) איז נישטאָ אַזאַ פּונקט וואָס זאָל זאָגן אַז אויף פראַגן דאַרף מען געבן אַן ענטפער.

אָבער קיבעץ אין אַ זייט. קיבעץ רופט טאַקע אַרויס אַ שמייכל און גאַנץ אָפט אַ האַרציקן געלעכטער ווייל לאַכן, האָט שלום עליכם געזאָגט, איז גוט פאַרן געזונט. דער מענטש וועלכער ווערט נישט געקיבעצט, איז קיין מענטש ניט.

וויל איך ביי דעם טאָפּלטן יובילעאום וואָס ישורין פייערט אַלס מיטגליד פון קלוב און אַלס טשיף, זיין אויך אַ קאַפּיטשקע ערנסט.

ווען אונדזער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן, האָב איך זיך געשלעפּט אויף אַ שיף קיין אַמעריקע. די פּערזענלעכקייט פון יעפּים ישורין האָט פאַר מיר זיך אַנטפּלעקט אין איר לויטערער געשטאַלט, אין די צוואַנציק יאָר, וואָס איך אַליין בין אַ מיטגליד פון דעם קלוב. צום 30טן יובל פון קלוב האָב איך געבלעטערט זיין געשיכטע. מיר האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון די צוויי זיילן, אויף וועלכע דער בנין פון אונדזער קלוב איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן. ערשטנס, אָנצוהאַלטן אַ בונד פון פריינדשאַפט אין די אייגענע רייען און, צווייטנס, ניט צו מישן זיך אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון אַרבעטער־רינג. איז טאַקע דער בונד פון פריינדשאַפט נישט איבערגעריסן געוואָרן אין די שטורמישע 45 יאָר וואָס דער קלוב עקזיסטירט. אין אַ וועלט וואו פריינדשאַפט האָט פאַרלוירן איר אמתע באַדייטונג און איז פאַרביטן געוואָרן אויף שנאה צווישן מענטש און מענטש, איז די פריינדשאַפט אין אונדזער קלוב ווי אַ ליכטיקער אינדזל אין אַ שטורמישן ים. אָבער מישן זיך אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון אַרבעטער־רינג? דאָס, זעט איר, טוען מיר יאָ. דאָס הייסט נישט, אַז יעדער איינער פון אונדז מישט זיך. די „מישעניש" ווערט געמאַכט פון דעם אדון הגדול, יעפּים, וועלכער באַשטימט ווער עס זאָל זיין אין אַ קאָמיטע, דערוויילט ווערן אַ באַאַמטער אָדער פאַרן אַלס דעלעגאַט צו אַ קאָנווענשאַן און אַז אַך און ווי וואָלט געווען צו אונדזער באַוועגונג בכלל און דעם אַרבעטער־רינג בפרט, ווען די מיטגלידער, אויף דעם באַפעל פון זייער טשיף, וואָלטן זיך נישט געמישט. דער קלוב אונדזערער האָט געליפערט די „מינוט־מען", די שומרים, וועלכע האָבן געהאָלפן פאַרטרייבן די ברעכער און שטעכער און אָנגעהאַלטן די גאַנצקייט פון אונדזער אַרבעטער־רינג און אַלע טיילן פון דער אַרבעטער באַוועגונג.

מיר פאַרזאַמלען זיך צום 45טן יובל אין אַ שווערער צייט, ווען דער קריזיס בושעוועט נישט נאָר איבער דער וועלט, נאָר אויך אין אונדזער אייגן יידיש וועלטל. דער געמיט איז אַ שווערער, ווייל יעדן יאָר באַוויינען מיר אונדזערע אייגענע, וועלכע ווערן אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען. אונדזערע בית עלמינס ווערן רייכער און אונדזער יידיש

וועלטל ווערט אַלץ אָרעמער. אין אַזאַ צייט איז גוט וואָס חברים, פּראַיינקט אין פריינד־שאַפט, קומען זיך צוזאַמען און הויבן נישט נאָר דעם „לחיים" כוס, נאָר אויך דעם לאָמפּ פון זייערע אידעאַלן און זייער גלויבן אין אַ שענערער וועלט. ווינטשן מיר זיך טאַקע אַלע צו דערלעבן דעם פופציקסטן יובל פון אונדזער קלוב מיט געשלאָסענע רייען, אַלע צוזאַמען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אונדזער ליבן יעפים ישורין.

הערמאַן ס. בערנשטיין

מיט פינף און פערציק יאָר צוריק

עס איז געווען די צייט פון דער גרויסער יידישער עמיגראַציע, ווען פון פילע לענדער, שטעט און שטעטלעך האָבן טויזנטער יידישע פאָלקס־מאַסן און אַרבעטער פאַרלאָזן זייערע אַלטע היימען, און געזוכט לעבנס־פאַרבעסערונגען אין דער לעגענדאַרישער פרייער אַמעריקע. אָבער אויך דאָ האָט זיי דער גליק ניט גלייך באַגעגנט. פרעמדע אין אַ פרעמד לאַנד, מיט אַ פרעמדער שפּראַך, האָבן זיי זיך ניט געהאַט צו וועמען צו ווענדן, און זייענען פאַרשלונגען געוואָרן אין די דאַמאָלסדיקע סוועט־שעפּער, אין גייסטיקן אומעט און פאַרצווייפלונג.

אָבער אייניקע פון זיי האָבן זיך דאַן דערוואוסט פון דעם דאַמאָלסט־יונגן אַרבעטער־רינג, די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט גלייך פון אָנפאַנג זיך געשטעלט די אויפגאַבע זיי צו העלפן סיי עקאָנאָמיש, דורך העלפן בויען פאַר און מיט זיי די יוניאָנס, און אויסקעמפן לייכטערע און מענטשלעכע באַדינגונגען און אַנטוויקלען אין זיי דעם שטאָלץ פון זיין אַ פרייער מענטש, געבן זיי אַ גייסטיקן אינהאַלט אין לעבן.

און אויב דער אַרבעטער־רינג אַלס אַ גאַנצער האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם לעבן פון די דאַמאָלסדיקע יידישע אימיגראַנטן, האָט אונדזער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב פיל מיטגעהאָלפן דעם אַרבעטער־רינג צו זיין און פאַרבלייבן אַלס דאָס וואָס ער איז, דער אָרדען פון פאָלקס־הילף; אַ טייל פון דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג, וואָס איז אַ דווערנדע פעסטונג פאַר אַלץ וואָס מיר האָבן אויסגעקעמפט און דערגרייכט.

אונדזער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב האָט נאָך פיל פאַרשטאַרקט און צעמענטירט די פריינדשאַפט פון מיטגליד צו מיטגליד, און די חברשאַפט פון איינעם צום צווייטן.

געבענטשט זאָל אויך זיין דער אָנדענק פון די אַלע, וועלכע האָבן אָט דעם קלוב געגרינדעט, און וועלכע זייַנען שוין מער מיט אונדז ניטאָ. און געבענטשט זאָלן זיין די וועלכע זייַנען נאָך מיט אונדז און זעצן פאָר אָט די פריינדשאַפט און חברשאַפט. און מיר, די מיטגלידער פון קלוב, און פון אַרבעטער־רינג, וועלכע פייערן איצט אונדזער 45־יאָריקן יום־טוב פון קלוב, דאַרפן זיך גאָר ניט שעמען מיט אונדזער נעכטן, און מיט רעכט זיך פרייען מיט אונדזער היינט, און האָפן אויף נאָך אַ בעסערן מאָרגן!

עס איז אונדזער יום־טוב! לאָמיר אַלע צוזאַמען פאַרזעצן אונדזער אַרבעט, אונדזער האָפענונג פאַר אַ סך מער פרייערער וועלט און גליקלעכער מענטשהייט.

מיט אייך, חברים און פריינד פון דער ווייטן, צום הייַנטיקן יום־טוב! און פאַר נאָך לאַנגע יאָרן פון ווייטערדיקער טעטיקייט!

י. פאָגעל

אַרבעטער־רינג פריינדשאַפט אין גייסט פון דער היינטיקער צייט

(וועגן די נייע געפאַרן וואָס לויערן אויף דעם אַרבעטער־רינג)

יעדע דערשיינונג אין אונדזער לעבן מוז היינט צו טאָג דורכמאַכן אַ פּראָצעס פון רעווידירונג. אמת, אַלטע באַגריפן און טראַדיציעס דאַרפן אויפגעהיט ווערן, אָבער זיי דאַרפן באַגאָסן ווערן מיט דעם זאַפט וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די איצטיקע אומשטענדן און באַדינגונגען.

דער אַרבעטער־רינג האָט אין משך פון זיין נאָענט צו 60־יאָריקער עקזיסטענץ אַריינגעבראַכט זיין אייגנאַרטיקן טאָן און זיין תיקון אין דעם גראַנדיעזן אוצרדיקן וואָרט וואָס הייסט פריינדשאַפט. פריינדשאַפט אין דעם טיפערן זין מיינט פאַרשטיין דעם מיטמענטשן, אים העלפן אין צייט פון קריזיס, זיך מיטפרייען ווען ער איז אַ בעל־שמחה. אַ מענטש מוז אין פרייד און אין צער האָבן אימיצן אָן וועמען ער זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן און צוטוליען. אַזוי איז שוין די מענטש־לעכע באַשעפעניש.

און אויב דער אַרבעטער־רינג האָט פאַרשטאַנען דעם עיקרדיקן באַדייט פון חברשאַפט, האָט דאָס נאָך מער און טיפער פאַרשטאַנען אונדזער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב, וועלכער ווערט מיט ווירדע, מיט פעאיקייט און מיט אומ־אויסשעפּלעכער ענערגיע געפירט פון אונדזער באַליבטן קאַפּיטאַן־טשיף יעפים ישורין.

איך וואָלט געזאָגט אַז אונדזער קלוב וואָס איז פּאָפּולער באַוואוסט אַלס דער זקנים־קלוב — האָט דורכגעפירט אין וואָרן לעבן די פּרינציפּן פון אמתדיקער פריינדשאַפט.

איינע פון די גרונט־לאַגעס פון פריינדשאַפט איז לאָיאַליטעט, און לאָיאַליטעט מיינט פריינדשאַפט אין יעדן פאַל און אונטער אַלע באַדינגונגען. אָט דעם כאַראַקטער־שטריך האָט אונדזער קלוב אַלעמאָל פּראַקטיצירט. אַ הויך־פּונקט פון דער מעלה פון פריינד־שאַפט איז דערגרייכט געוואָרן יעדעס מאָל ווען אונדזער אַרבעטער־רינג איז געווען באַ־דראָט פון אינערלעכע און דרויסנדיקע שונאים. אין אַזעלכע קאַטאַסטראָפאַלע מאָמענטן איז אונדזער קלוב אונטער דער קאַפּיטאַנסטוואָ פון אונדזער טשיף ישורין געקומען באַ־זאַטלט מיט אַלע קאַמפּס כלי־זין — און געראַטעוועט אונדזער אָרגאַניזאַציע.

דער אַרבעטער־רינג ווערט איצט געשטעלט אין סכנה פון אַ נייעם שונא, אַ נייעם אומגליק. ווער איז ער, ווי אַזוי קען מען אים דערקענען?

דער אַלטער שונא פון אַרבעטער־רינג איז געווען דער קאָמוניזם און אַנדערע רויט־געקליידעטע פינפטע קאָלום אַגענטורן וועלכע האָבן געטאַנצט לויט דער דודקע פון מאָסקווע. אַדאַנק דעם בראַווען און אומערמידלעכן קאַמף פון אַרבעטער־רינג צוזאַמען מיט אונדזער קלוב — האָבן מיר דעם קאָמוניסטישן קענסער אויף שטענדיק אויסגעשניטן.

דער נייער שונא אָבער איז אין אַ געווויסער הינזיכט פּונקט אַזוי געפערלעך ווי דער קאָמוניזם. דער נייער שונא פון וועלכן דער אַרבעטער־רינג ליידט איז גלייכגילטיקייט. יאָ, גלייכגילטיקייט. גלייכגילטיקייט, מיינט פּאַסיוויטעט, פאַרגליווערונג און קען אויס־געדריקט ווערן אין די ווערטער: „פאַרדרייט זיך אייערע אייגענע קעפּ".

אַזאַ צוגאַנג, אַזאַ שטעלונג קען זיין פּונקט אַזוי סמ'יג, פּונקט אַזוי שעדלעך ווי דער קאָמוניזם איז געווען.

וואָרעם אויב אונדזערע מיטגלידער וועלן דורכגעדרונגען ווערן מיט דעם גיפט פון גלייכגילטיקייט וועט דאָס פירן צו דער אָפּשטאַרבונג פון אונדזער ענערגיע און סוף כל סוף — פון אונדזער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. מיר מוזן דעריבער אויפסניי פּראָקלאַמירן אונדזער באַגער צו לעבן, צו פונקציאָנירן, צו בויען און צו שאַפן.

און דאָס דאַרף איצט זיין די נייע אויפגאַבע פון אונדזער קלוב אונטער דער פאָן פון אונדזער אַלעמענס אָנערקענטן טשיף.

מיר מוזן אין אונדזער בעכער אָנגיסן נייע זאַפטן פון פריינדשאַפט וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צום גייסט פון 1959 און 1960. מיר מוזן אויפטרייסלען אונדזערע געמיטער און קיינעם ניט לאָזן איינשלאָפן. מיר מוזן וועקן און מונטערן און אין אַלעמען דורכ־שטראָמען מיט אַזאַ עלעקטריציטעט אום ניט צו קענען אייבדרימלען און חלומען חלומות בלויז פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָפגעזען ווי ראָמאַנטיש און זיס דאָס זאָל ניט זיין. מיט דער פאַרגאַנגענהייט קען מען ניט לעבן, מען מוז כסדר מאַרשירן פאָרויס, און פלאַנירן פאַרן מאָרגן און איבערמאָרגן.

יאָ, מיין טייערער טשיף און קאַפּיטאַן — פריינד ישורין! איר האָט נאָך אַ סך אַרבעט, און אין די ליניעס פון באַקעמפן גלייכגילטיקייט דאַרף אייער פירערשאַפט זיין, וואָרים פּאַסיוויטעט, גלייכגילטיקייט איז פּונקט אַזוי געפערלעך פאַרן אַרבעטער־רינג ווי עס איז געווען דער קאָמוניזם. איר האָט פאַרטריבן דעם קאָמוניזם, איצט דאַרפט איר אויסוואָרצלען די שטימונגען פון גלייכגילטיקייט.

אָמן!

י. סינעל

שוין גאָר אַ סך אויפגעטאָן!

עס איז ווירקלעך אַ גרויסער יום־טוב. 45 יאָר פון גאָר גרויסן אויפטו פאַר דעם אַרבעטער־רינג און פאַר אונדזער גאַנצער באַוועגונג. עס וואָלט היינט געווען אַ חורבן אויף דער יידישער גאַס, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אַרבעטער־רינג.

בעת דער קאָמוניסטישער מגפה אויף דער יידישער גאַס איז דער אַרבעטער־רינג ניט געווען אימון פון דעם מאָסקווער „וואַירוס”.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ שטאַרקע פירערשאַפט און ענערגישע מיטלען צו באַקעמפן די געפאַר וואָס האָט געדראָט דעם אַרבעטער־רינג און אונדזער יוניאָן באַוועגונג. ניט איין יוניאָן איז אַריינגעפאַלן אין די קאָמוניסטישע נעגל.

די טאַקטיק פון די קאָמוניסטן איז דאַן געווען, ווי עס איז גוט באַקאַנט, — באַהערש אָדער צעברעך.

דאַן האָט זיך באַוויזן דער כוח פון דעם „סאָשעל קלוב”. איך וויל דאָ בלויז איבערגעבן עטלעכע עפּיזאָדן אין שיקאַגאָ.

עס איז געווען אומאייניקייט אין אונדזערע אייגענע רייען כאָטש אַלע זיינען געווען קעגן דעם קאָמוניזם. עס האָט געפעלט קאָאָרדינאַציע און דירעקציע. יעדער האָט געמיינט, אַז ער וויים ווי אַזוי פטור צו ווערן פון די מאָסקווער אַגענטן און משרתים. דאָס האָט ניט געטויגט. דאָס האָט געהאָלפן די קאָמוניסטן. זיי האָבן געוואוסט ווי אויסצונוצן אָט די לויזקייט און צעשוואומענקייט.

לאָמיר זיך דערמאָנען:

ווען עס איז געקומען צו דערוויילן דעלעגאַטן צו אַ קאָנפערענץ זיינען „געלאָפן” איינער קעגן דעם צווייטן פון אונדזערע אייגענע רייען. אונדזער שטימע ביי דער קאָנפערענץ איז געווען אַזוי אָרום שטאַרק צעשפּאָלטן. די קאָמוניסטן אָדער די לינקע, ווי מען האָט זיי דאַן גערופן, האָבן דורך זייער דיסציפּלין געקענט דערוויילן זייערע מענטשן. דער קלוב האָט דאַן אַ סוף געמאַכט צו דעם כאַאָטישן צושטאַנד אין די רייען פון די רעכטע און גערעכטע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז אויב ברוך פון אונדזער צד ווערט נאָמינירט, זאָל זרח ניט זיין אַ קאַנדידאַט קעגן אים. די פירערשאַפט האָט אַרויסגעוויזן טאַקט ווען עס איז געקומען צו באַשליסן ווי צו האַנדלען אין אַזעלכע פאַלן. זי האָט געזאָרגט דערפאַר אַז די נאָמינירטע קאַנדידאַטן צו אַ קאַנווענשאָן אָדער אַ קאָנפערענץ אָדער צו דער דיסטריקט קאָמיטע אָדער צו אַנדערע וויכטיקע קאָמיסיעס זאָלן זיין אין ערשטן פאַל פאַרדינסטפולע און לאָיאַלע טוער מיט אַ געוויסן סטאַזש, וואָס באַרעכטיקט זיי צו דעם צוטרוי פון דער מיטגלידערשאַפט.

די קאָמוניסטן האָבן מער ניט געקענט דערוויילן כמעט קיינעם פון זייערע קאַנדידאַטן. עס איז ניט קיין ספק, אַז ווען אָט די שטעלונג ווערט ניט אָנגענומען, וואָלטן די קאָמוניסטן גאַנץ וואַרשיינלעך פאַרכאַפּט דעם אַרבעטער־רינג און ער וואָלט היינט מעגלעך געלעגן אויפן זעלבן בית עלמין מיט זייער אָרדער.

איז אָט נאָך אַ וויכטיקער פאַל.

עס איז געווען אין דעם אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן.

ר. אַבראַמאָוויטש, דער באַרימטער פירער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע,

ווערט געראַטעוועט פון דעם קאָמוניסטישן רוסלאַנד. ער קומט קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט איבעראַל אויפגענומען מיט דעם פּאַרדינטן כבוד.

אין שיקאַגאָ האָט מען געדונגען אַ גרויסן טעאַטער אין דעם דאַן־טאַון, אין דעם צענטער פון שטאָט פאַר אַ זונטיק נאָכמיטאָג. דער טעאַטער איז געווען איבערגעפּאַקט. מיר האָבן גלייך דאַרט דערקענט די אומגעווינטשטע און די אומגעבעטענע „געסט". זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף „סטראַטעגישע" פּלעצער. אַבראַמאָוויטש באַוויזט זיך אויף דער בינע און דער טעאַטער ווערט אָנגעפילט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. עס דער־הערט זיך אָבער באַלד אַ הירזשען גלייך ווי אַבראַמאָוויטש פאַנגט אָן איבערצוגעבן דעם אמת וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד, אין דעם קאָמוניסטישן גן עדן.

דער באַפעל פון מאָסקווע איז געווען ניט צו לאָזן אַבראַמאָוויטשן דערציילן דעם אמת. דער אמת טוט ווי. דאָס הירזשען ווערט שטאַרקער און דאַן קומט צו אַ שנייצן מיט די נעזער און טופּן מיט די פיס. אַבראַמאָוויטשעס שטימע ווערט דערטרונקען פון די ווילדע אויסברוכן.

אונדזערע מענטשן ווערן אויסער זיך פון כעס און אויפרעגונג קעגן די פאַר־שוועכונגען פון דעם הייליקן פּרינציפּ פון פרייער פאַרזאַמלונג און פרייער רעדע. די מאָסקווער נאָכלויפער האָבן געוויזן זייער אמתן פּרצוף. מען באַשליסט דאַן צו פאַרמיידן מעגלעכע געשלעגן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געוואָלט, זאָל מען בעסער שליסן דעם מיטינג. מען האָט דאַן באַקאַנט געמאַכט אויפן פּלאַץ און אין „פאָרווערטס", אַז דער מיטינג וועט אָפּגעהאַלטן ווערן מאָנטיק, אָבער אין דעם גרויסן אַרבעטער־רינג לייסעאום.

מאָנטיק אָוונט שטייט אַ וואַך ביים אַריינגאַנג צום זאַל. מען האָט שוין גוט געקענט די ברעכער און שטערער און קיין איינער איז ניט דורכגעגאַנגען די ליניע וואָס די וואַך האָט געשאַפן. פילע פון זיי האָבן פּרובירט דורכברעכן די ליניע. איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. די וואָס האָבן פּרובירט „שטאַרקע מיטלען" האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון זייער „מעדיצין".

דער מיטינג מיט אַבראַמאָוויטשן איז געווען אַ געדענקפולער און אַ העכסט באַ־גייסטערטער.

איך וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַזעלכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, אָבער איך גלויב ניט אַז עס איז נויטיק.

איך ווייס אַז דער „סאָשעל קלוב" האָט זיך לכתחילה געשאַפן אַריינצוברענגען פריינדשאַפט און חברשאַפט אין דעם אַרבעטער־רינג. דאָס איז אים באַלד אין אָנפאַנג געלונגען; אָבער די שטורמישע צייט וואָס דער קאָמוניזם האָט מיט זיך געבראַכט האָט אים געגעבן אַ היסטאָרישע אויפגאַבע, וועלכע ער האָט מיט כבוד און ווירדע דורכגעפירט.

היינט צו טאָג איז זיין אויפגאַבע, ווי אין אָנפאַנג, צו ברענגען נאָענטקייט און וואַ־רעמקייט פון מיטגליד צו מיטגליד און צו צעמענטירן די אָרגאַניזאַציע און צו מאַרשירן צוזאַמען אויף די וועגן צ קאָנסטרוקטיווער אַרבעט — דער בעסטער ביישפּיל איז וואָס ־ער אַרבעטער־רינג דאָ האָט זיך אונטערגענומען איצט צו בויען אַ צענטער פאַר אַרום 150,000 דאָלאַר — און צו מענטשלעכן גליק — וואָס קען נאָר דערגרייכט ווערן ווען מען וועט פּטור ווערן פון די דיקטאַטור און אונטערדריקונג פון פאַשיזם ווי פון קאָמוניזם.

איך וויל שליסן מיט אַ האַרציקער באַגריסונג צו אונדזער טשיף, יעפים ישוריק, און דורך אים צו דער גאַנצער פירערשאַפט; איר האָט פיל, זייער פיל אויפגעטאָן און עס איז דאָ מיט וואָס צו גיין „צום טיש" און צו פייערן דעם 45 יאָריקן יובל.

חיים עהרענרייך

מיט קריטיק און ליבשאַפט — אונדזער „טשיף"

לכבוד דעם 45 יאָריקן יובל פון „קלוב" (אַזוי שטייט אין דעם בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן — פשוט „קלוב") האָט אונדזער „טשיף" — ניט פירער, ניט פאָרזיצער, ניט פּרעזידענט, נאָר פשוטו כמשמעו, טשיף — מיך פאַרבעטן זיך צו באַטייליקן אין דעם איין־מאָל אַ יאָריקן זשורנאַל „חברשאַפט" מיט אַ קורצן אַרטיקל.

אַז יעפים ישורין — דער „טשיף" בלע"ז — „פאַרבעט", פאָלגט מען, ווייל ס'איז קיין ברירה ניטאָ. פאָלג איך. אָבער איך רעבעליר — תמות נפשי עם פלשתים — און איך שרייב ניט מיינע „באַאָבאַכטונגען אין מיין אָפּשאַצונג פון קלוב און לעבן פון אַרבעטער־רינג". איך וועל דאָ בעסער פּרובירן געבן מיין „באַאָבאַכטונג" און „אָפּשאַצונג" פון דעם „טשיף", זיין עקסעלענץ, יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטיעלסטוואָ — יעפים ישורין אַליין.

מיר דוכט זיך, אַז ווען ניט יעפים ישורין, וואָלט קיין „קלוב" ניט געווען און קיין „חברשאַפט" וואָלט ניט אַרויס. דאָס איז ניט קיין טעאָריע, נאָר אַן אַקסיאָמע. דעם „טשיפס" עקשנות און געדולד צוזאַמען מיט זיינע אַנדערע מעלות — ווי זיין שטענדיקער שמייכל, זיין שטרענגער בליק, זיין שאַרפער צונג — זיינען די ווירקזאַמע כלי־זין אויף אַנצוהאַלטן אַזאַ לויזע, איין־מאָל־אַ־יאָריקע אָרגאַניזאַציע פון דער „קלוב", וואָס באַשטייט פון אַ מחנה ניט־דיסציפּלינירטע, אינדיווידואַליסטישע אַנגעסטרויעטע מט־גלידער.

נעמט טאַקע אַזאַ פּאַרשוין ווי „אני הקטן", דעם אַזוי־גערופענעם שרייבער פון אָט די שורות. זאָט בין איך מיט אָרגאַניזאַציעס, מיט צאָלן „דיוס", מיט מיטינגען און מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס פון קהלשן לעבן ווי אַ... ווי אַ, טאַקע ווי אַן אָפּערע סטאַר מיט „דעיטס" — „דעיטס", אַנגאַזשמעס און ניט „דעיטס", טייטלען. פונדעסטוועגן אַז דער „טשיף" האָט מיר אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע און מודיע געווען אַז מען וועט מיך אַריינעמען אַלס חבר אין „קלוב", האָב איך ווי אַ קאָטינקע באַצאָלט מיינע „דיוס" און כ'צאָל יעדעס יאָר פּינקטלעך און פרום, ווייל — אַ ברירה האָב איך? ישורין הייסט צאָלן, צאָלט מען. מען האָט מורא ניט צו צאָלן...

אסור אויב איך ווייס וואו דער „קלוב" טוט זיך אַהין אַ גאַנץ יאָר און וואָס זיין אַרבעט איז. איך ווייס נאָר, אַז ערב דעם גרויסן יערלעכן „דינער" קומט פאָר אַ מיטינג, אין „פאָרווערטס" האָל געוויינטלעך און שבת נאָכמיטיק געוויינטלעך — איין מיטינג ערב דעם „דינער" אָדער דעם „צוזאַמענפאָר". צו דעם מיטינג קומען, פאַרשטייט זיך, די ליידיקגייער. אַזוי ווי „אני הקטן" בין ניט קיין פוסט־און־פּאַסניק, ווייס איך עד היום ניט וואָס ביי דעם ערב צוזאַמענפאָר מיטינג קומט פאָר נאָר —

מ'קען זיך לייכט פאָרשטעלן. יעפים ישורין עפנט דעם מיטינג און פירט אים אָן, מעג עמיץ אַנדערש זיין דער „טשערמאַן". יעפים ישורין איז מודיע וואָס די באַשלוסו פון „קלוב" זיינען, און ער ציילט די שטימען. מי במים ומי באש — דער „טשיף" לאָזט וויסן ווער ס'איז אַריין אַלס מיטגליד און ווער, חלילה, האָט ניט דערלעבט דעם נחת.

דער „טשיף" טיילט אויס די כבודים און די באַערונגען. ער לאָזט צו אויך אַנדערע צו דער אַרבעט, אָ, יע, ס'איז דאָ אָבער, אַן „אָבער" —

ער איז, חלילה, ניט קיין פירער און ניט קיין סטאַלין, פאַרשטייט זיך, פונדעסטוועגן האַלט ער אַן אויג אויף יעדן אַרבעטער, אויף יעדן איינעם וואָס שניידט זיך אויף אַ טוער. ער מוז עס טאָן, פאַרשטייט זיך, ווייל ווי ווייט איז דער מהלך פון אַ טוער ביז אַ — „טשיף״ ? . . .

קאָן מען נאָך אפשר פון די שורות חושד זיין אַז „אני הקטן״ וויל אונטערגראָבן, חלילה, דעם „טשיפס״ ממשלה. איז עס, בהן שלי, ניט אמת. פאַרקערט —

איך האַלט, אַז ווען מיר האָבן ניט יעפּים ישורינען, וואָלט מען אים געדאַרפט אויס־טראַכטן, אַן אים וואָלטן מיר קיין קלוב ניט געהאַט — בלויז אַן „עדיוקיישאָנעל דע־פּאַרטמענט״, אַ פאָלקסבינע, אַ כאָר און אַ סעמעטערי דעפּאַרטמענט. מיט שוואַכע אַרטיק־לען — ווי אָט דעם וואָס איר לייענט — קאָן מען קיין קלוב ניט אויפהאַלטן, אַפילו ניט מיט רעדעס. דאָס קאָן געטאָן ווערן, ווי געזאָגט, מיט עקשנות, מיט שווערער אַרבעט און, טאַקע, מיט — דיקטאַטור.

אַזוי, אָבער, ווי יעפּים ישורין קומט פון אַ דעמאָקראַטישן חדר, איז ער בלויז אַ „טשיף״. האָבן מיר פאַר אים אַזאַ אימת־מות און, לאָמיר זיך מודה זיין, טיף אין האַרצן האָבן מיר אים ליב. מיר האָבן אים ליב פאַר זיין שטענדקן שמייכל, פאַר דער כלומרשטדיקער בייז־קייט, מיט וועלכער ער קאָן אָנסטראָיען זיינע קלוגע אויגן, פאַר די קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן, מיט וועלכע ער קען אונדז בייטשן.

טיף אין האַרצן ווייסן מיר, אַז ער איז אַ שווערער אַרבעטער און אַז די פאָדערונגען וואָס ער שטעלט אַנדערע שטעלט ער קודם כל זיך אַליין. איז אונדזער מורא געמישט מיט דרך ארץ און באַצירט מיט ליבשאַפט און מיר גייען אין שפּאַן — אַ ברירה האָבן מיר ? — און מיר ווינטשן אים אריכת ימים אַלס „טשיף״ און אַלס מענטש און אַלס גוטער, געוויסנהאַפטער חבר.

סאַלוטיר איך דעם „טשיף״ און טראָג צו דעם יובל נומער פון „חברשאַפט״ מיין קליינעם, עניוותדיקן בייטראָג. זאָל דער „טשיף״ און „חברשאַפט״ דערלעבן דעם ניינציק־יאָריקן יובל פון דעם „קלוב״. אמן.

א. פּאָרטרעטלער

פּאָרטרעטן פון „הו איז הו"

ווי אַלע ווייסן, ווערט שוין אַ היפּשע צייט צוגעגרייט צום דרוק אַ בוך, וואָס וועט דערציילן „הו איז הו" אין אונדזער קלוב. איינער, אַן אומגעדולדיקער מיטגליד אונדזערער, האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן ביז דאָס לאַנג־צוגעזאָגטע בוך וועט דערשיינען, און ער האָט זיך פאַרגנבעט צו די פּאָרטפּעלן פון דער רעדאַקציע און „אונטערגעצויגן" אַ פּאָר פּאָרטרעטן. ער האָט אָבער ניט באַוויזן צו „באָרגן" די בילדער פון די פּערזאָנען, וואָס ווערן דאָ באַשריבן און אויך ניט אַרונטערצושרייבן די נעמען פון די פּאַרשוינען.

דרוקן מיר דאָ די פּאָרטרעטן ווי זיי שטייען און גייען און די אינטעליגענטע לעזער אונדזערע (מיר האָבן אַזעלכע אויך) וועלן געוויס זיך קענען אָנשטויסן וועמען מען מיינט.

פּאָרטרעט נומער 1

ער האָט געחלומט אַ חלום
נאָך אויף דער מאַמעס הענט —
ער וועט זיין אַ פּרעזידענט.
ער פּלעגט זיך קינדוויז דראַפּען,
קריכן אויף די גלייכע ווענט,
צו דערגיין צום אַמט פון אַ פּרעזידענט.
ער איז אַריין אין די ברענטשעס

און האָט מיט קיין אַרבעט זיך ניט געשעמט
צו קענען אַמאָל דערגיין
צום אַמט פון פּרעזידענט.
און ווען מען האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק
אָנערקענט
זיין בעסטן פריינדס טאַלענט
און אים דערוויילט צום אַמט פון פּרעזידענט,
האָט ער זיך שטילערהייט
געריבן די הענט:
ס'איז אַ גוטער פונדאַמענט...
און ער איז אַוועק וואַרטן
אינעם מעדיקאַל דעפּאַרטמענט.

און ווען די פיר יאָר זיינען געקומען צו ענד,
און מען האָט געדאַרפט וויילן
אַ נייעם פּרעזידענט,
האָט זיך גאָר געיאָוועט
אַן אַנדערער קליענט,
וואָס האָט מיט שטילע טריט גענענט
צום טראָן פון פּרעזידענט.

און ער?
חברה האָבן אים געבונדן די הענט
מיט אַ מענעדזשער־אַמט
פון דעם הייל־דעפּאַרטמענט,
אַז ער זאָל מער קיינמאָל
ניט זיין קיין פּרעזידענט
און קאָנקורענט
צום אַמט פון פּרעזידענט...

און איר?
אויב איר האָט נאָך אַלץ ניט דערקענט
ווער ס׳איז אונדזער עקספּאָנענט,
האָבן מיר אומזיסט און אומנישט
אונדזער צייט פאַרשווענדט
און מען מעג דעם שרייבער פון אָט די שורות
צעברעכן די הענט...

פּאָרטרעט נומער 2

וואָס ווייסט איר, אומוויסנדע מענטשן,
וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי דער ערשטער קאָנווענשאָן?
אָבער איך?
איך אַליין בין טאַקע דאָרט אויך ניט געווען,
אָבער איך ווייס אַלץ וואָס דאָרט איז געשען.

איך טראָג אַלע קאָנווענשאָנס אויף מיין קאָפּ.
און ווען איר נעמט און רופט אין מיטן נאַכט מיך אָפּ,
אָדער בייטאָג (ווען כ׳העננ פּעיפּערס אויף פרעמדע ווענט
און זיי ווייסן ניט, אַז דאָס בין איך, דער געוועזענער פּרעזידענט),
וויל איך אייך דערציילן אַקוראַט
דעם נאָמען פון אַ יעדן דעלעגאַט.

איך דאַרף ניט קיין ביכער און דאָקומענטן,
שלעכטע זכרונות פון אַנדערע פּרעזידענטן,
ווייל אַזאַ פּרעזידענט ווי איך בין געווען,
וועט איר שוין מער קיינמאָל ניט זען...
(ניט אומזיסט זאָגן קלוגע לייט,
אַז גוטע זאַכן דויערן נאָר אַ קורצע צייט...).

איי, איי, אומוויסנדע מענטשן,
איר ווייסט גאָרניט ווי איר דאַרפט זיך בענטשן,
וואָס גאָט (אָדער דער טשיף) האָט אייך געטאָן באַשערן,
אַז איך זאָל כאָטש אויף אַ קורצער צייט
אייער פּרעזידענט ווערן.

וואו בין איך דען ניט געווען און אייך פאַרטראַכטן?
אַרומגעפאָרן, זיך אַרומגעשלעפּט וואו כאַנין האָט געבאַטן:
אין פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי, פּאַסעיק,
און יעדער האָט געזען ווי פּעאיק
עס איז זייער פּרעזידענט,
וואָס קלעפּט בייטאָג פּעיפּערס אויף פּרעמדע ווענט,
אָבער ביינאַכט, אין פּאָליטיק, איז ער
אַ זעלטענער טאַלענט...

פּאָרטרעט נומער 3

ווען איר קוקט אים אָן —
זעט איר אַ מאַן, וואָס וועט קיין פליג
ניט רירן אויף דער וואַנט.
נאָר גיי ווייס, אַז אַן אָרקעסטער
פון אַזויפיל פּאָליטישענס
וועלן שפּילן לויטן וואונק פון זיין האַנט.

פאַר דער וועלט — אַ שטילע טויב,
אַ היטער און אַ שיצער פון ליטעראַטור,
אָבער מיר? מיר געבעך שמאַכטן
אונטער זיין אייזערנער דיקטאַטור.

דער קוואַרטעט

ניט פון קרילאָוו

פאַראַן ביי אונדז אַ קוואַרטעט —
זאָלן זיי זיך עלטערן אין פריידן —
איז אַ טשיסטער אומגליק מיט זיי:
זיי האָבן ליב צו ריידן...

קאָנפערענצן, קאָנווענשאַנס,
לוויות און באַנקעטן —
מען דאַרף זיך ביי אונדזער קוואַרטעט
לאַנג ניט בעטן.

זיי זיצן אַלע אויבנאַן —
דער ערשטער רעדט ר׳ נחום,
צו טרעפן ווער ס׳קומט נאָך אים
דאַרף מען ניט זיין קיין חכם.

ר׳ זלמן גיט צו פון זיין זייט,
אַז כאַנין האָט גערעדט גוט
נאָר אויב כאַנין האָט גערעדט אַ שעה
מוז ער רעדן אַ שעה מיט אַ מינוט...

נאָך דעם קומט ר׳ וועלוול
און וויל די גוים שטעלן צופרידן,

זעצט ער איבער אויף גויאיש
וואָס עס האָבן פריער געזאָגט די יידן.

נו, אַ קאָנפערענץ, צי אַ לוויה,
דאָס מוזט איר אַלע וויסן,
פונקט ווי זי האָט אין אָנהויב
מוז זיך דאָך אויך שליסן.

און ווער איז אַ בעסערער שליסער
ווי אונדזער ליבער בי־דזשי,
דער אויסטייטשער און קאָמענטאַטאָר
פון דעם סטעישאָן „דאַבליו־אי־ווי־די״ ?

יאָ, פאַראַן נאָך אַ פינפטער צום קוואַרטעט —
דער פרעזידענט, „דאָס שיינדל״,
ווענען דער קוואַרטעט וואַרפט צו אַ מאָל
אַ רעדעלע — אַ ביינדל.

„דהעי אַר היר טו סטעי״...
ווייל אַ פרעזידענט — ווער איז ער דען ?
פיר יאָרעלעך... און נאָך דעם — גיי...
אָבער זיי, אונדזער קוואַרטעט ?

י. שמולעוויטש

אַ „גרינער" אין קלוב

אין די אַלטע אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען איך בין נאָך געווען אַ 10 יאָר ייִנגער, זײַנען שוין צו מײַנע אויערן דערגאַנגען די ווערטער: „זקן", „קלוב", „טשיף". אָדער געווען איז דאָס אויך פאַרקערט: „טשיף", „קלוב", „זקן". געווען איז דאָס אין דער צײַט, ווען איך האָב געלעבט אין דער וועלט־שטאָט פּאַריז. צו מײַן (טיפן) באַדויערן איז מיר אָבער קיין מאָל ניט געלונגען צו דערגיין, וואָס אָט די געהיימניס־פולע ווערטער באַדײַטן.

אַנגעהויבן האָט עס זיך אין די נאָך מלחמה־יאָרן, ווען וויכטיקע טוער פון אַרבעטער־רינג אין ניו יאָרק האָבן אָנגעהויבן קומען קיין פּאַריז, אַלס טוריסטן. איך האָב זיך כמעט מיט אַלע פון זיי באַגעגנט אין פּאַריז, מיט זיי פאַרבראַכט און אויך באַפרײַנדעט. עס איז אַפילו דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז די דאָזיקע האָבן פאַר מיר מער ניט געהאַט קיין סודות. זיי פלעגן שוין רעדן אין מײַן אַנוועזנהייט וועגן ענינים, וואָס זיי האָבן עס אפשר ניט געדאַרפט טאָן...

יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיך דאָ, אין ניו יאָרק, געגרייט צו אַ קאָנווענשאָן, אַ קאָנפערענץ, וואַלן פון אַ פּרעזידענט (איך מיין אין אַרבעטער־רינג) אַ גענעראַל־סעקרעטאַר אָדער ענלעכעס, האָב איך אין פּאַריז כסדר געהערט פון די אַמעריקאַנער געסט די ווערטער: „זקן", „טשיף" און „קלוב". ווי נאָר איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן די טוער פון היגן אַרבעטער־רינג, און צוגעלייגט מײַן אויער צו זייערע געשפּרעכן, האָב איך געהערט:

— אויב דער טשיף וועט ניט וועלן וועט אייך גאָרניט העלפן, איר וועט זיך אַפילו שטעלן אויף דעם קאָפּ און עס וועט בלײַבן ווי ער וויל...

— נו, מילא, מען דאַרף וואַרטן און זען — האָט אַ צווייטער געזאָגט — וואָס דער זקן וועט זאָגן...

— איך וואָלט שוין וואָס פרייער געוואָלט זײַן צוריק אין ניו יאָרק — פלעגט זיך אַן אַנדערער אָפּרופן — דער קלוב טאָר צו אַזעלכעס ניט דערלאָזן...

ווען איין גרופּע איז אַוועקגעפאָרן, איז פון ניו יאָרק געקומען אַ צווייטע גרופּע אַרבעטער־רינג טוער קיין פּאַריז. און יעדעס מאָל איז געווען די זעלבע געשיכטע. איינמאָל, בײַנאַכט, בין איך מיט אַזאַ גרופּע אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער די „ברייטע בולוואַרן" וואָס ציען זיך פון פּלאַס דע לאַ רעפּובליק ביז דער גרויסער אָפּערע. אויף דעם גאַנצן וועג האָט זיך פון קאַפעס געהערט פיינע און לייכטע מוזיק, אַרום איז געווען אַ ים מיט ליכט און געזאַנג, פרויען האָבן געוואָרפן מיט זייערע לאַקנדיקע אויגן... אָבער דריי פון דער גרופּע זײַנען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, פאַרכמורעטע פּנימער און פאַרטיפטע אין געדאַנקען.

— אוי, דער טשיף, דער זקן — האָבן זיי געהאַלטן אין איין זיפצן און קרעכצן פאַר זיך.

פון אָנהויב, ווען איך האָב פון די אַמעריקאַנער געסט געהערט די דריי מאָדנע, פאַר מיר פרעמדע ווערטער, האָב איך בײַ זיי אַפילו ניט געוואָלט פרעגן וואָס דאָס באַדײַט.

אָבער די געשיכטע האָט מיך אינטעריגירט, און איך האָב שפּעטער געוואָגט. איך האָב פּרובירט ביי זיי פרעגן, וואָס באַדייטן די ווערטער „טשיף", „זקן" און „קלוב", אָבער איך בין געבליבן ביים פרעגן. מען האָט זיך אַרויסגעדרייט פון געבן מיר אויף דעם אַן ענטפער.

איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. „ווי קומט דאָס — האָב איך ביי זיך געטראַכט וואָס אייניקע מענטשן, גוטע פריינד, האָבן צו מיר אַזוי ווייניק צוטרוי. איך האָב ניט אויפגעגעבן די האָפענונג צו דערגיין דעם באַדייט פון די דריי ווערטער, איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז עס וועט זיך נאָך עפּעס פאַר מיר מאַכן אַ פּאַ־סיקע געלעגנהייט. און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך טאַקע אין קורצן געמאַכט.

אין פּאַריז איז פאָרגעקומען אַ וויכטיקע יידיש־נאַציאָנאַלע וועלט־קאָנפערענץ, צו וועלכער עס איז, אַלס דעלעגאַט פון ניו יאָרק, געקומען יעפים ישורין. איך האָב אים טאַקע דאַן געזען צום ערשטן מאָל, אָבער פון פריער האָב איך וועגן אים פיל געהערט. איך האָב שוין געוואוסט, אַז יעפים ישורין איז אַ העכסט ערנסטער מענטש מיט וועמען מען קען רעדן וועגן אַלץ און אַלעמען, און פון וועמען מען קען אויך אַרויסקריגן זאַכן, וועגן וועלכע אַנדערע שווייגן...

ביינאַכט בין איך מיט ישורינען אַוועק אין איינעם פון די פּאַריזער קאַבאַרעטס (איך שווער אייך, אַז עס איז געווען אַ כשר־יידישער...) וואו מיר האָבן ניט שלעכט פאַר־בראַכט. ווען די ליכט האָבן זיך גענומען אויסלעשן, און אַ מחיהדיקע מוזיק האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן איבערן זאַל, איז ישורין געוואָרן אין גאַנצן אַן אַנדערער, אים ניט צו דערקענען. ווען איך האָב געזען, אַז ער איז אין אַ גוטער שטימונג, האָב איך ביי ישורינען אַ פרעג געטאָן: — זאָגט מיר, ליבער פריינד ישורין, וואָס באַדייטן די ווערטער „טשיף", „זקן" און „קלוב", וועלכע ווערן געבראַכט דורך אונדזערע מענטשן פון ניו יאָרק קיין פּאַריז?

די פריערדיקע געמיטלעכע שטימונג האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן פון ישורינען. ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיין פּנים אַן ערנסטע מינע, האָט אויף מיר אויסגעשטעלט זיינע דורכדרינגלעכע קלוגע אויגן, אַן ביי מיר אַ פרעג געטאָן:

— ווער האָט אייך וועגן דעם דערציילט, פון וואַנען ווייסט איר דאָס, וואו האָט איר געהערט די ווערטער, פאַרוואָס פרעגט איר אַזעלכע זאַכן?

ווען איך האָב אים געענטפערט, אַז איך הער דאָס כסדר פון די ניו יאָרקער אַר־בעטער־רינג טוער, וועלכע קומען אויף באַזוכן קיין פּאַריז, האָט יעפים ישורין מיך געגעבן אַ „מעסט־אָפּ" מיט זיינע אויגן, און מיט אַ רואיקן טאָן געענטפערט:

— אַזוי, פון זיי הערט איר דאָס. גלויבט זיי אָבער ניט, זייט ניט קיין פּראָווינצער. זיי רעדן די דאָזיקע ווערטער ספּעציעל אַרויס אין אייער אָנוועזנהייט, ווייל זיי מאַכן פון אייך פּשוט חוזק, ניט מער...

ישורין האָט גלייך צוגערופן אַ וועיטער, באַשטעלט אַ פלאַש וויין פון יאָר 1777, און מיט מיר געטרונקען אַ לחיים. ווען ער האָט געזופּט דעם רויטן וויין, וואָס די פראַנצויזן האָבן פאַר אים געהאַלטן אין משך פון 171 יאָר, האָט ער כסדר איבערגעחזרט די ווערטער:

— איך וואָלט גאָרניט געגלויבט, אַז איר זייט אַזאַ נאַאיווער יונגערמאַן, איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין, אַז מען מאַכט פון אייך חוזק...

מער האָב איך שוין מיט ישורינען וועגן דעם ענין ניט גערעדט. איך האָב ביי זיך

באַשלאָסן מער ניט צו פרעגן וועגן „טשיף", „זקן" און „קלוב"; ניט לאָזן זיך אויסשטעלן צום נאַר, ניט לאָזן פון זיך חוזק מאַכן.

אויף דעם דריטן טאָג נאָך דעם ווי איך בין אָנגעקומען אין ניו יאָרק, בין איך געוואָרן אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג. ווען איך בין געקומען צום ערשטן מיטינג פון מיין ברענטש האָט אַ וויכטיקער טוער מיך אָוועקגערופן אין אַ זייט, און אין דער שטיל, אַז קיינער זאָל, חלילה, ניט הערן, צו מיר געזאָגט:

— איר ווייסט, איך גלויב, אַז איר וואָלט געדאַרפט קומען צום זקן, אין זייט דערצו אַ פּאַסיקער מענטש...

איך האָב דעם מענטש אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויסגעשטעלטע אויגן, און אים גלייך געענטפערט:

— איך בעט אייך, טוט מיר אַ טובה, און מאַכט ניט פון מיר חוזק!

יענער איז געבליבן שטיין ווי אַ געפּלעפטער, אויסגעשטעלט אויף מיר זיינע אויגן, מיך געמומען באַרואיקן, און געזאָגט:

— ווייסט איר גאָר וואָס, קומט מיט מיר פריער צום טשיף...

דאָס פּנים איז ביי מיר געוואָרן אָנגעצונדן פון חרפּה. „פאַרוואָס זאָל מען פון מיר אַזוי חוזק מאַכן"? — האָב איך ביי זיך געטראַכט. דער פריינד האָט מיך אָבער ניט געוואָלט אָפּלאָזן, און מיר כּסדר פאַרזיכערט, אַז עס איז ניט קיין חוזק.

— קומט מיט מיר צום טשיף און איר וועט זען — האָט ער צו מיר געזאָגט — אַז איר וועט ניט באַדויערן...

איך האָב זיך געלאָזט צורעדן. מאָנטיק אין דערפרי האָט מיין פריינד פון ברענטש מיך געבראַכט אין „פּאַרווערטס", צום דעסק פון יעפים ישורין. „אָט איז אונדזער טשיף — האָט דער פריינד אָנגעוויזן אויף ישורינען — און דעם „זקן" וועט איר זען דעם נעקסטן שבת, ווען איר וועט קומען צום מיטינג פון „קלוב".

בקיצור, אָט אַזוי בין איך געוואָרן אַ מיטגליד אין „קלוב". דאַן ערשט בין איך דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע „צרות" און „פּיין" ווען מען האָט מיך אויפגענומען אַלס מיטגליד פון קלוב; די „צערעמאָניעס" וואָס מען האָט מיט מיר דאָרט געמאַכט, ווי אויך וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין „קלוב" צווישן די... „זקנים", וועל איך אייך ניט דערציילן. איך וואָלט אויך געהאַט עפּעס צו דערציילן וועגן אונדזער טשיף גופא. אָבער איך וועל דאָס ביי קיין פאַל ניט טאָן, ווייל איך וויל פון קיינעם ניט חוזק מאַכן...

ישראל וויגאָדסקי

יעפים ישורין — דער ביבליאָגראַף

ער מישט אַלטע בלעטער, זשורנאַלן,
ער נישטערט אין שורות און שפּאַלטן,
זוכט פּערל פון יידישע שרייבער,
וואָס האָבן דאָרט אוצרות באַהאַלטן.

די שעה אין דער נאַכט איז אַ שפּעטע,
ער הערט נישט אויף זוכן און זיפּן,
געפינט ער אַ דימענט פון יידיש,
באַלויכט אים אַ פרייד זיינע ליפּן.

ווי הייליק אים ווערטער און קלאַנגען,
ווייל יידיש, ער ווייסט, וועט נישט שטאַרבן;
ער קלייבט די צעוואָרפענע זאַנגען
און בינדט זיי אין בונטיקע גאַרבן.

אַרום טוט די נאַכט אַלץ פאַרהוילן,
די וועלט ווערט פאַרוויגט אין אַ דרעמל;
אַזוי ווי דאָס ליכט פון נר תמיד,
בליצט אין זיינע אויגן אַ פלעמל.

עס לייכטן אויף שטערן אין פענצטער
ווי ס׳ליכט אין דער אוראַלטער שול;
די שטערן זיי ווילן אים לייכטן
און בענטשן זיין טיש און זיין שטול.

געבענטשט זיי, דו זאַמלער און קלייבער,
געבענטשט זיי דיין צאַרטער געמיט;
עס דאַנקען דיר דורות פון שרייבער
און בענטשן אין שטיל דיינע טריט.

מאָרים שאַפּיראָ

דער קלוב באַזיצט אַ מאָראַלישן כוח אָפּצוהיטן פון געזעלשאַפטלעכע חטאים

ליבער פריינד, יעפים ישורין!

אייער באַפעל עפּעס אָנצושרייבן פאַרן ספּעציעלן נומער „חברשאַפט”, אין פאַרבינדונג מיט 45 יאָר עקזיסטענץ פונעם „סאָשעל קלוב”, אין שייכות די פאַרגאַנגענע יאָרן אין אַרבעטער־רינג, האָט מיך געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע. איך בין גרייט אויסצופאָלגן אייער פאַרלאַנג, אָבער וואָס קען איך שרייבן, ווען איך בין אַזוי ווייט פונעם קאָכיקן לעבן, ווייט פון דער געמיינ־שאַפטלעכער טעטיקייט און פליכטן. איך בין זיכער, אַז די היסטאָריע פונעם קלוב וועט שוין אויף אַ געהעריקן אופן פון אייך און אייער קאַבינעט צוגעגרייט ווערן. טאָ דערלויבט מיר,איך בעט אייך, בלויז צו באַרירן אַ פּאָר קלייניקייטן, וואָס דאַרפן אָבער אויף אַ גרויסן אופן אָפּגעשאַצט ווערן:

1) צוויי מאָל אין יאָר באַקומט יעדער מיטגליד אַ דערמאָנונג־קאַרט פול מיט גוטע וואונטשן. איין מאָל, דעם דאַטום ווען מען איז געבאָרן געוואָרן; דעם צווייטן מאָל, ווען מען האָט חתונה געהאַט. אויבערפלעכלעך, דוכט זיך, בלויז אַ רוטין; אָבער מיט דעם זיינען פאַרבונדן די איידלסטע געפילן פון אַ מענטשן, וואָס איז גאַנץ אָפּט דער פונדאַ־מענט פון יעדער פאַמיליע, און ווערט אויפגענומען פון אַלעמען אין דער פאַמיליע אויף אַ פיינעם אופן. ס'איז באַזונדערס אויך אין גייסט פון אַרבעטער־רינג און פון חברישקייט.

2) אַרום דעם קלוב איז געשאַפן געוואָרן אַ מאָראַלער כוח פון חברישקייט, אָפּצוהיטן פון געזעלשאַפטלעכע חטאים. אמת, ניט אַלעמאָל ווערט דערגרייכט וואָס ס'איז נויטיק, אָבער די מאָראַלע אויפפּאַסונג לעבט און איז ביי געוויסע צייטן שוין אויך געווען דער רוקן־ביין וואָס האָט אָפּגעהיט די גאַנצקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, גלויבן און מאָראַל.

אָט פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן שיקן מיר אונדזער ברכה צו אייך פערזענלעך און צו אייערע קאַפּיטאַנען (איך בין אַ פּשוטער סעילאָר) וואָס האָבן די שיף געפירט אין די שווערסטע, שטורעמדיקסטע וועטערן און זיך באַמיט מיט וויניק שאָדן די שיף צו ברענגען אין איר האַפן.

איר ווייסט געוויס אַז לעצטנס געפין איך זיך אויף אַ קליינעם אינדזל, די אַרבעטער־רינג היים פאַר עלטערע מיטגלידער אין מידיא, פּאַ. צוזאַמען מיט אונדז געפינען זיך אייניקע מיטגלידער פונעם „סאָשעל קלוב” — שיקן מיר צו אייך די וואַרעמסטע גרוסן צום 45־יאָריקן יובל. מיר פאַרזיכערן אייך, אַז מיר זיינען לאָיאַל און איבערגעבן, און מיט כבוד היטן מיר אָפּ די פּרינציפּן פון אַרבעטער־רינג איבערהויפּט איז אונדז טייער דער פונדאַמענט פון חברישקייט, צו לעבן אין גייסט פון „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם”.

אַ דאַנק פאַר אייער איינלאַדונג.

דזשאָזעף דאָרפמאַן

אַ טשיקאַווע באַגריסונג



ווען איך האָב דערהאַלטן די איינלאַדונג זיך צו באַטייליקן מיט מייגס אַ „ווערק" אין דעם יובילײ נומער „חברשאַפט", בין איך געווען אין אַ געוויסער פאַרלעגנהייט, די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז איך פּרע־טענדיר ניט צו זיין קיין שרייבער, און ווען אפילו איך וואָלט שוין יאָ געווען אַ „שטיקל" שרייבער, וואָלט איך זיך אויך ניט פאַרמאַסטן קעגן די שטענ־דיקע סטעף שרייבער, וואָס זיינען אויפן „פּעי ראָל" פון „חברשאַפט". איך וואָלט זיי פשוט ניט געוואָלט ווי טאָן אויף די עלטערע יאָרן. עס איז דאָך אַ באַ־וואוסטער כּלל, אַז קיינער וויל ניט צולאָזן קיין „יונג בלוט" אין זיין פאַך אָדער פּראָפעסיע.

האָב איך געטראַכט, אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן אַז איך זאָל אָנשרייבן עפּעס הומאָריסטישעס, וואָס זאָל אָוועקנעמען דעם לעזער פון זיינע שווערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן, וואָס זאָל אים מאַכן פאַרגעסן די געפּאַרן אויף דער וועלט און די צרות וואָס לויערן אויף דער מענטשהייט; פשוט אָוועקנעמען פון די לעזער דעם גאַנצן וועלט־שמערץ. האָב איך זיך אָבער דערמאָנט, אַז אויף דעם געביט פון הומאָר וועל איך דאַרפן קאָנקורירן מיט „אַברעמלען", דעם אָפיציעלן לאַך־מייסטער פון „חברשאַפט".

איר פאַרשטייט, ליבע לעזער, אָט דעם „אַברעמל" האָט נעבעך ניט קיין אַנדער אַרבעט וואָס צו טאָן; אַזוי ווי אַ מענטש מוז דאָך האָבן עפּעס מיט וואָס צו זיין באַשעפטיקט, אַנ־דערש קאָן ער נאָך, חס ושלום, אַרונטער פון זינען, און אַזוי ווי קיין משוגעים פעלט אונדז ניט, וועל איך דעריבער זיך אין זיין טעריטאָריע ניט אַריינרייסן. אַלאַ וואָס דען, זיין הומאָר מאַכט אַלעמען צו וויינען — אין דעם איז שולדיק דער רעדאַקטאָר — ווער צווינגט אים צו דרוקן אַזאַ טרויעריקן הומאָר?

אויב אַזוי, האָב איך צו זיך געזאָגט, טאָ שרייב וועגן „פּאָליטיקס", אַרבעטער־רינג פּאָליטיקס, וועגן דעם קאָן מען דאָך גאַנצע ביכער אָנשרייבן. צו דעם, זעט איר, איז שוין גאָר אַ מורא זיך צוצורירן. דאָ דאַרף מען דאָך זיך פאַרטשעפּן מיט די גרויסע בערן.

איך קען זיך ניט פאַררעכענען פאַר אַ לאַנגיאָריקן מיטגליד פון קלוב — זיכער בין איך ניט איינער פון די גרינדער. איך ווייס אָבער, ווען ניט דער נאַציאָנאַלער סאָ־ציאַלער קלוב אין אַרבעטער־רינג, ווער ווייסט אויף וואָס פאַר אַ קרומע וועגן דער אַרבעטער־רינג וואָלט פאַרשלעפּט געוואָרן; אפשר וואָלטן די שונאים אים אינגאַנצן חרוב געמאַכט. דער גאַנצער יידישער ישוב אין אַמעריקע, פון די אַרבעטער־רינג מיטגלידער איז דאָך שוין אָפּגערעדט, וועלן אייביק דאַנקבאַר זיין די, וואָס האָבן געגרינדעט דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב. עס איז געווען זייער וויטזיכטיקייט און זייער וואַכזאַמקייט, וואָס האָט דעם אַרבעטער־רינג גרויס געמאַכט און האָט אים אויסגעהיט פון אַלע געפאַרן.

דער „קלוב" דינט נאָך אַ פונקציע אין לעבן פון די אַקטיווע טוער אין אַרבעטער־
לאָמיר אַלע דערלעבן נאָך אַ סך יובילייס אין קלוב און אין גאַנצן אַרבעטער־רינג.

וויליאַם פעסקאָף

אַ וואַרעמער גרוס פון דער וואַרעמער פלאָרידע

וויליאַם פעסקאָף

העררי ספיוואַק

מיאַמי האָט אַ שם ניט נאָר פאַר דער שטאָט פון „סאַנשיין" און וואַרעמקייט, נאָר אויך פאַר אַ שטאָט פון שטענדיגער עמיגראַציע, אַ שטאָט וואו אַלץ באַוועגט זיך שנעל, מען קומט און מען פאָרט צוריק, און מען קומט ווידער, דאָ ווערט מען שנעל רייך און נאָך שנעלער אָרעם, ס'איז ווי אין פסוק שטייט: „עולים ויורדים" — אָבער דער גרעיטער מיאַמי סאָשעל קלוב, איז ניט נאָר געבליבן גאַנץ, נאָר איז רייכער געוואָרן אין מיטגלידערשאַפט.

דער קלוב האָט זיך געגרינדעט מיט 10 יאָר צוריק פון די „אָלד טאַימערס" ווי מ. העסקעל, מ. הורוויטש און וויליאַם פעסקאָף. היינט צו טאָג האָט דער קלוב עטלעכע און צוואַנציק שטענדיקע מיטגלידער, דאָס הייסט אַזוינע וואָס וואוינען דאָ אַ גאַנץ יאָר, און ווינטער קומען דאָ צופליען קלוב מעמבערס פון גאַנצן לאַנד, און געפינען דאָ אַ וואַרעמע היים.

מיר האָבן צוגעקראָגן „יונג בלוט", ס'זיינען דעם יאָר אַריינגעקומען אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, און מיר האָבן פון נאַציאָנאַלן אָפיס אַפילו ניט פאַרלאַנגט קיין אָרגעניזער, מיר האָבן דאָ צוגעקראָגן אַ צאָל אָלדטאַימערס, וועלכע זיינען געקומען פון דער נאָרט, און האָבן זיך דאָ באַזעצט. בערנשטיין, געוועזענער מענעדזשער פון נוארקער „פאַר־ווערטס"; ווינער פון באָסטאָן, וועלכער איז דאָ דער אַגענט פון „פאַרווערטס; יאַנקעלע פרעס פון טשאַטאַנוגע און איב גאָלדבערג פון ניו יאָרק.

דער קלוב האָט אויך געשפילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם אַרבעטער־רינג בנוגע דעם יידישן ישוב אין מדינת ישראל. איך האָב לעצטנס באַזוכט ישראל און האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען די אינסטיטוציעס וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט דאָרט גע־האָלפן אויפבויען, איך בין אויך געווען אין דער וואַלאַדעק־היים לעבן פאַריז, וואו ס'האַלטן זיך אויף צענדליקער קינדער, איך האָב געזען די עקס־רעי מאַשין אין דעם האָספיטאַל פון דער וואַלאַדעק־היים, וואָס דער מעדיקאַל דעפאַרטמענט פון אַרבעטער־רינג האָט געשיקט.

עס דאַרף צום שלוס באַטאָנט ווערן, אַז אַלע אַרבעטער־רינג אַקציעס, וועלכע ווערן דורכגעפירט, זיינען גוט באַקאַנט אונדזערע קלוב מיטגלידער, די וויכטיקסטע און די אַקטיווסטע טוער, און עס איז ניט קיין סוד, אַז מיר באַווירקן אויך די מיטגלידער פון אַנדערע שטעט, און מיר מעגן זיך אָפגעבן מזל־טוב קוקנדיק צוריק אויף 45 יאָר אַק־טיווע אַרבעט פאַר אונדזער באַליבטן אָרדן, דורכגעפירט פון דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב, אונטער דער אויפפאַסונג פון אונדזער טשיף, יעפים ישורין.

איך בין שטאָלץ צו זיין אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג, און בין שטאָלץ צו זיין אַ מיטגליד אין נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב.

צום 45־יאָריקן יובילייאום פון דער עקזיסטענץ פון קלוב, ווינטש איך אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון דער גרעיטער מיאַמי גרופּע, אַז מיר זאָלן אַלע דערלעבן דעם 50־יאָריקן יובל פון קלוב, און איך שלאָג פאָר אַז אַ פאָנד זאָל גלייך געשאַפן ווערן צו מאַכן מעגלעך, אַז צום גאָלדענעם יובילייאום פון קלוב זאָלן אַלע מיטגלידער פון איבערן גאַנצן לאַנד קענען קומען און זיין מיט אונדז, און אויך אַז דאָס זאָל פאָרקומען אין מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ.

בן־ציון מיימאָן



מיין טייערער, ליבער חבר ישורין:

על פי יושר וואָלט איך באַדאַרפט ביי אייך בעטן אַ טויזנט, אָדער אַ מיליאָן אַנטשולדיקונגען, פאַרן ניט ענטפערן און ניט דאַנקען אייך פאַר די צענדליקער באַגריסונגען וואָס איר שיקט מיר ביי יעדער געלעגנהייט, און די פּינקטלעכקייט און פריינדלעכקייט וואָס איר טיילט צו אַזוי ליבעראַל, און וואָס איך האָב אַזוי פאַרשוויגן און אַפילו ניט געלאָזט וויסן דאָס קריגן אייער זייער שיין און נוצלעך ביכעלע: די „הלל ראַגאָף ביאָגראַפיע". בעט איך טאַקע די אַלע אַנטשולדיקונגען, אָבער פאַרבעסערן דאָס קען איך ניט, און מוז אייך ווידער אַנטזאָגן אייער פאַרלאַנג צו שרייבן אַן אַרטיקל פאַרן ספּעציעלן נומער „חברשאַפט". ניט מיין דאָקטאָר דערלויבט מיר, ניט איך קען, און ניט איך וויל מער שרייבן אַרטיקלען.

פאַרוואָס, מיינט איר, שרייב איך ניט פון צייט צו צייט פאַרן „פאָרווערטס"? פאַר־וואָס, מיינט איר, בין איך שוין 8 יאָר צייט ניט געקומען צו קיין אונטערהאַלטונג פונעם „נעשאָנעל סאָשעל קלוב"? ס'איז גאַנץ איינפאַך: איך בין שוין אַ „העזבין" — אַ גע־וועזענער מענטש וואָס איז שוין מער ניטאָ.

וואָס אָנבאַלאַנגט מיינע געפילן צום „נעשאָנעל סאָשעל קלוב" און צו דער חבר־שאַפט פון אַלע חברים, וואָס באַלאַנגען דאָרטן, קען איך אייך בלויז פאַרזיכערן, אַז ווען מיינע אַלע ברכות אויף אייך און אייערע אַרבעטן זאָלן אין הימל אָנגענומען ווערן, וואָלט דער גן־עדן פאַר אייך אַלע געעפנט טיר און טויער.

מיט גרויס אַנטשולדיקונג און טיפער דאַנקבאַרקייט,

אייער איבערגעגעבענער חבר,

בן־ציון מיימאָן

לואיס סילווער

ישורינס חברשאַפט



פרעגט מיך אַ ייד, אַ קלוב קאָלעגע:

— איר וועט זיין ביים באַנקעט פון קלוב?

— אַוודאי וועל איך זיין! — וואונדער איך זיך אויף זיין פראַגע — וואָס הייסט עפּעס ניט זיין ביים באַנקעט פון קלוב? ביי אַ צוזאַמענקונפט פון קלוב דאַרף מען זיין, און זיכער מוז מען זיין ביי אַ יובילײ־פייערונג!

— או־וואַ, מאַכט דער ייד — אַ וואַזשנע זאַך! איך גיי ניט. מיר איז ניט אַזוי אַגיל ואשמחדיק אויפן האַרצן!

— וואָס אַשטייגער קוועטשט אייך אַזוי ביים האַרצן? — פרעג איך אים, ווייל איך קען דעם יידן אַז ער נעמט זיך גאַנץ ווייניק צום האַרצן פון אַלץ און אַלעמען.

— וואָס־זשע, איר ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט? די קאַלטע מלחמות, און מ׳בריט זיך מיט הייסע קלעפּ!...

— דער וועלט־שמערץ איז דאָך אין די פריערדיקע יאָרן געווען אַ קאַפּיטשקע גרעסער און ס׳האָט אייך אַנגעריירט ביי דער פּיאַטע, און דווקא האַיאָר קוועטשט עס אייך ביים האַרצן!

— מיר טאַנצט זיך ניט! — רעדט ווייטער דער קלוב־ייד — וואָס איז אויף אייך די גדולה מיטן קלוב?

דאָס פאַרדריסט מיך שוין: אַ ייד נעמט און וויל מאַכן דעם קלוב צו גאַרנישט! און איך נעם זיך צו אים:

— וואָס הייסט „וואָס איז די גדולה״? איר זענט דאָך עפּעס אַ גרויסער פּאַטריאָט פון אַרבעטער־רינג! ווייסט איר דען ניט, אַז ווען ניט דער קלוב וואָלט דער אַרבעטער־רינג היינט אויסגעזען ווי זייער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדען עליו השנאַבל! און וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע אָן דעם אַרבעטער־רינג און זיינע אינסטיטוציעס? ווען ניט דער אַרבעטער־רינג וואָלטן דאָך ניט געווען קיין עלטערע מיטגלידער, און קיין „היים״ וואָלט ניט געווען! און די „היים״ איז דאָך ביי אייך דאָס אויבערשטע פון שטויסל... דאָס אַליין איז דאָך ווערט אַ באַנקעט!

— וואָס מישט איר דאָ אַריין די היים? וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך מיט דער היים? — פרעגט ער.

איר האָט שוין גאָר אַ גרויסע שייכות! — זאָג איך אים.

איך האָב דאָ אַנגעריירט ביי אים אַ שוואַכן פונקט. עס טוט אים נעבעך גוט וויי. דאָס וואָס ער איז געבליבן ביי זיין עקשנות פאַלט אים אויס באַקאָם. שטעלט איך פאַר אַזאַ

באוועגונג: קאַנוועגשאַנס, דעלעגאַטן, אויסקלייבן באַאַמטע, קאָמיטעטן — און גאַרניט! ניט מ׳פרעגט אים, ניט ער קען עפּעס זאָגן. נו, קאָן מען דאָס אויסהאַלטן? טאָמער איז נאָך ווייניק, מאַכט מען „זיין מאַטלען״ פאַר אַ שלישי למלך... אין דער אמתן אָבער געפעלט אים די היים — אַזאַ שיינע אינסטיטוציע וואו די עלטערע מיטגלידער ווערן אַזוי פיין באַהאַנדלט!

— אַגיטיר מיך ניט וועגן דער היים! — שלאָגט ער מיר איבער — איך צאָל פינף דאָלאַר אַ יאָר און ווייס אַליין אַלצדינג. איר זייט דאָך אַן אייגענער יאַט, אַ ביאַליסטאָקער, כמעט אַ לאַנדסמאַן. איך שטאַם פון אַ שטעטל לעבן באַראַנאָוויטש. איך וועל אייך טאַקע דערציילן פאַרוואָס איך בין אַזוי אין כעס... איר ווייסט דאָך, אַז פון כבוד אַנטלויף איך!

— אַוודאי — זאָג איך — איר אַנטלויפט פון כבוד, פונקט ווי רובינסקי ביים נעמען אַ בילד פאַרן „פאָרווערטס״...

אָבער דער ייד רעדט ווייטער:

— כ׳וועל אייך דערציילן פאַרוואָס איך בין אין כעס. איך האָב לעצטן יאָר באַשלאָסן אַז איך דאַרף זיין אַ דעלעגאַט צו דער קאָנוועגשאַן אין מאָנטרעאָל. ביי מיר אין ברענטש מיינען זיי אַז איך בין „עפּעס״, און מ׳האָט מיך נאָמינירט, פאַרזיגלט דעם דאָקומענט מיט די חתימות פונעם פאַרזיצער און דעם סעקרעטאַר. איך האָב אַליין דעם דאָקומענט אַוועקגעטראָגן אין גענעראַל אָפיס, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט עס זאָל ניט פאַסירן ווי ס׳האָט פאַסירט מיטן ברענטש 401 און מ׳האָט דערפאַר געמוזט צוקערמאַנען מאַכן פאַר דעם נאַציאָנאַלן באָארד דירעקטאָר פון ניו יאָרק סטייט. מיר וועלן זיי אַזאַ זאַך ניט אָפּטאָן!...

בקיצור: מיין ווייב האָט מיר אַנגעזאָגט די בשורה אַז זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי שכנים אויפן בלאָק און מ׳האָט איר געזאָגט אַז דער וועטער אין מאָנטרעאָל איז ניט קיין „געסעטלטער״ — און זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די דעפּאַרטמענט סטאָרס און אָנגעקויפט אַ באַרג מיט זומערדיקע און ווינטערדיקע קליידער.

זע איך דאָך, אַז דער ענין איז זייער ערנסט און איך מוז פאָרן — באַשליס איך צו מאַכן אַ רייזע צום טשיף הגדול נאָך אַ וויזע.

איך קום אַריין צו אים אין „פאָרווערטס״ כלומרשט קויפן אַ צייטונג וואָס איך האָב שוין כמעט אויסגעלייענט פון אַלע זייטן.

איך ווייס, אַז ישורין באַהאַנדלט מיך זייער גוט. ער באַוויליקט צו נעמען ביי מיר געלט פאַרן „אָרט״, פאַרן הילפּס־פאָנד און אַלערליי אַנדערע פאָנדן. ער איז דעמאָלט צו מיר אַזוי פריינדלעך ווי איר, ווען איך גיב געלט פאַר דער היים.

איך זע, ער זיצט ביים דעסק איינגענירעט אין אַ פּאַק פּאַפּירן און זעט מיך כלומרשט ניט. אָבער איך בין אויך ניט קיין יאָלד, נעם איך זיך אָן מיט מוט און כוחות און שיס אַרויס:

— גוט מאָרגן, פריינד ישורין.

זיין קאָפּ גיט זיך אַ קאַפּיטשקע אַ ריר צו מיין זייט און איך הער עפּעס אַ בורטשע. מסתמא האָט ער מיר געענטפערט. איך רעד ווייטער:

— פריינד ישורין, איך וואָלט וועלן געבן אַ ביישטייערונג פאַרן „אָרט״.

— מען דאַרף ניט — גיט ער אַ זאָג. איך וועל האַיאָר ניט פאָרן קיין פּאַריז.

— איך וואָלט וועלן עפּעס געבן פאַרן הילפּס־פאָנד.

— ניט נייטיק, — ברומט ער אַרויס, — ניטאָ ווער עס זאָל נעמען.

איר פאַרשטייט דאָך, אַז פון אַזאַ ענטפער גייט מיר דורך אַ קעלט איבערן לייב, ווי איך וואָלט פלוצלונג מגולגל געוואָרן אויפן שפיץ פון נאָרד פּאָל. אָבער איך באַשליס אַרויסגיין מיט קלאָרע דיבורים ברחל בתך הקטנה:

— איך בין געוואָרן נאָמינירט פון מיין ברענטש אַלס אַ דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן.

„זאָל אייך גאָט העלפן", גיט ער זיך זיס אַ זאָג.

וואָס עפּעס גאָט זאָל מיר העלפן? איך בין דאָך אַ קלוב קאָלעגע, פון די אתה בחרתנו — און איר זייט דאָך אונדזער טשיף.

איך נעם אַרויס אַ ציגאַר און וויל אים דערלאַנגען, דערמאָן איך זיך אַז ער רויכערט ניט. נאָך איידער וואָס ווען, איז שוין דער סיגאַר אין מויל פון דעם יידן פון גאַליציאַנעם שבט און יענער רעדט צו מיר אינטעליגענט אין אַ זאַפטיקן, געשמאַקן יידיש: וואַטס די מעדער, אַי בעטשע איר ווילט זיין אַ דעלעגאַט. איט'ס נאָ יוז — בעסער באַדערט ניט, איר זעט דאָך ער איז אונטער אַ סטרעין.

אָבער דאָ פאַלט מיר איין אַ געדאַנק. איך ווייס אַז יאַנקל איז פון די גבאים (סטירינג קאָמיטעט בלע"ז) און איר ווייסט דאָך, אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם.

גיב איך זיך אַ זאָג:
— פריינד ראָטמאַן, ווי געפעלט אייך עפּעס דער סיגאַר? איך האָב אַ סך אַזוינע.
— זייער גוט, ברענגט זיי. מיר קענען זיי יוזן — ענטפערט יאַנקל זייער פריינדלעך.
— איך וועל זיי ברענגען מיט זיך קיין מאָנטרעאָל — זאָג איך.
— צו וואָס דאַרפט איר זיי שלעפּן קיין מאָנטרעאָל, ברענגט זיי דאָ צו מיר.

דער עיקר, איך זע שוין אַז בגפו יבוא, בגפו יצא. איך בין געקומען מיט גאָרניט און גיי אַוועק מיט נאָך ווייניקער.

איר פאַרשטייט דאָך, אַז ביי דער קאָנפערענץ בין איך געווען זוכה בגורל. מיך האָט פאַרדראָסן אויף דעם איינציקן יידן, וואָס האָט געשטימט פאַר מיר. די חברה זיינען מיר נאָך דערגאַנגען די יאָרן, אַז איך בין דורכגעפאַלן מיט איין שטימע. ס'וואָלט שוין בעסער זיין אַן איינשטימיקער דורכפאַל. נו, מילא, וואָס איך האָב געקראָגן פון מיין ווייב, דאָס בין איך אייך שוין מוחל...

נו, פרעג איך אייך, איז דאָס „חברשאַפט"? צו אַ קאָנווענשאָן ניט, אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע ניט. איר מעגט מיר באמת גלויבן, אַז זיי וואָלטן דאָרטן פונקט אַזאַ הנאה געהאַט מיך הערן שווייגן, ווי אַ סך אַנדערע פון יענע.

איר פאַרשטייט, זאָג איך צום יידן, ניט אַלע מאָל איז דער שפּיגל שולדיק, אַמאָל האָט עס צו טאָן מיטן פנים — אָבער צו וואָס זיך איינרייסן מיט אַ יידן, אַ קלוב קאָלעגע. טאָ האָט מיר אַ גוטן יום־טוב, און מיר'ן זיך טרעפן מיט 45 יאָר שפּעטער — דעמאָלט וועט שוין ישורון טיילן די ערשטע אויפלאַגע פון „ווער איז ווער".

יאָסל מלאָטעק

פ ר יי נ ד ש אַ פ ט !



איך וויל זיך דאָ מודה ומתוודה זיין, אַז שוין באַלד אַ יאָר ווי איך בין אַ מיטגליד אין קלוב, און איך בין נאָך אַלץ נישט אין גאַנצן קלאָר וועגן זיינע צילן און אויפגאַבן.

און אַז איר וועט ביי מיר אַ פרעג טאָן (און מיט רעכט): — „אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע ביסטו געוואָרן אַ מיטגליד? קיינער האָט דאָך דיך ביי דער טשופּרינע נישט געשלעפּט" —

וועל איך ענטפערן מיט אַ מעשה.

און די מעשה איז אַן אמתע:

מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק האָב איך זיך פאַרנומען מיט אַראַנזשירן דעם גרויסן באַנקעט לכבוד דעם 40 יאָריקן יובילײ פון די אַרבעטער־רינג שולן. מיר האָבן גענומען דעם רוזוועלט־האָטעל, וואו עס קענען אויסגעזעצט ווערן אַ 800 פּערזאָן. די לעצטע וואָך פאַרן באַנקעט האָבן פּלוצים גענומען שטראָמען רעזערוואַציעס און מיר האָבן פאַרלאָרן דעם חשבון וויפיל מיר האָבן שוין. ווען איך האָב גענומען ציילן וויפיל פאַרשריבענע מיר האָבן, איז מיר געוואָרן ביטער: עס זיינען געווען מיט אַ הונדערט און פופציק רעזערוואַציעס מער, וויפיל מיר האָבן געקענט אויסזעצן. ס׳איז ביטערקייט געמישט מיט זיסע געפילן, אָבער פאָרט ביטער...

בין איך אַוועק צו כאַנינען און יעפּרויקינען און זיי האָבן געגעבן אַ גוטן פּלאַן: באַזעצן דעם באַלקאָן, ווען מען קען אַוועקשטעלן טישלעך נאָך פאַר אַ 200 מענטשן.

און דאָ, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות: וועמען זעצט מען אויבן, אויף דער גאַליאָרקע? ווי מאַכט מען אַז די וואָס מען וועט זעצן אויבן, זאָלן זיך נישט באַליידיקן? איז געבאָרן געוואָרן אַ געניאַלער פּלאַן: מען זאָל זעצן אויף דער „גאַליאָרקע" אַ פּאָר טישן מיט חשובע מענטשן.

און ווען דער עולם האָט זיך דערוואוסט, אַז אויבן זיצן וויכטיקע געסט, האָט דער טעלעפאָן גענומען קלינגען און זשומען:

אַלע האָבן געוואָלט זיצן אויבן...

און דאָ, מיינע פריינד, קומט דער נמשל פון דער מעשה:

אויף איך פאַרמאָג אַ היפּשע דאָזע פון דעם סנאָביזם, וואָס זיצט אין יעדן בן־אדם, און איך וויל זיצן מיט גרויסע און וויכטיקע מענטשן...

אָט דאָס איז דער ענטפער אויף דער פראַגע (אויב איר וואָלט זי מיר געשטעלט) פאַרוואָס איך בין געוואָרן אַ מיטגליד ווען איך ווייס אַפילו נישט גענוי וואָס עס זיינען אונדזערע צילן.

איך טראַכט אָבער, אַז עס מוזן געוויס זיין נאָך וויכטיקע סיבות פאַר דער עקזיסטענץ

פון אַן אָרגאַניזאַציע וואו מען צאָלט אַ יערלעכן אָפּצאָל און וואו מען גיט אויס אַסטראָנאָמישע סומעס פּאַר אַ באַנקעט...

און אַזוי ווי דעם קלובס צייטשריפט טראָגט דעם נאָמען „חברשאַפט״, שטעל איך זיך פאָר, אַז דאָס איז איינע פון די הויפּט־זיילן אויף וועלכע דער קלוב שטייט.

און אַזאַ ציל געפעלט מיר זייער שטאַרק.

עס דערמאָנט זיך מיר, אַז די באַגריסונג פון מערב־איראָפּעאישע סאָציאַליסטן, ווען זיי פלעגן זיך טרעפן, אָדער געזעגענען איינער מיטן אַנדערן, איז געווען „פריינדשאַפט״. איך אַליין בין אויפגעוואַקסן אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע אין פוילן, וואו מיר פלעגן זיך גריסן מיט דעם וואָרט „חברשאַפט״. מיר האָבן זיך תמיד באַמיט, אַז דאָס זאָל ניט נאָר זיין אַ וואָרט, אַ באַגריסונג, נאָר דער תוך פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן.

מען דערציילט, אַז די אַנפירנדיקע אינסטאַנצן אין מדינת ישראל פאַרנעמען זיך חוץ מיט וויכטיקער הויך־פּאָליטיק, נאָך מיט אַ וויכטיקער זאַך: צו זאָרגן פאַרן געזונט און וואוילזיין פון זייערע טאָג־געבער און צו צווינגען זייערע פירער אַריינצוגיין אויף רעגולערע געזונט־אָבסערוואַציעס אין שפּיטאָל אַריין. וויס איך ניט איף וויפיל דאָס איז אַזוי אין דער אמתן, אָבער מיר געפעלט דער דאָזיקער געדאַנק זייער שטאַרק. פון אים רעדט אַרויס דער געפיל פון פריינדשאַפט און אחריות וואָר די וואָס שטייען בראש פון אַ באַוועגונג.

איך בין ניט זיכער צי מיר קענען פועלן ביי די פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן פון אונדזער באַוועגונג, אַז זיי זאָלן פון צייט צו צייט אַוועק אויף אַ וואַקאַציע אויף געזונט־אָבסערוואַציעס אין שפּיטאָל אַריין, אָבער איין זאַך בין איך יאָ זיכער: דער געפיל פון פריינדשאַפט און חברישקייט קען אין גאַר אַ גרויסער מאָס געשטאַרקט ווערן ביי אונדז. מיר מעגן זיך פאַרגינען צו זאָגן אַ גוט וואָרט און אַרויסוויזן באַזאָרגטקייט איינער צום אַנדערן ניט נאָר, חס וחלילה, ביי טרויעריקע געלעגנהייטן, וואָס מיר האָבן לעצטנס צו פיל, נאָר דער עיקר אין דער טאָג־טעגלעכער שווערער אַרבעט. וואו אַ גוט וואָרט, אָדער אַ פריינדלעכער זשעסט, מיינט אַזוי פיל...

נעמט־זשע צו, ליבער חבר רעדאַקטאָר, די באַגריסונג פון אַ „גרינעם״ מיטגליד צום יערלעכן יום־טוב פון קלוב:

פ ר י י נ ד ש אַ פ ט!

אַוורעמעל

אַ טענה צום „טשיף״

אַן אָנפראַגע

ליבער אַוורעמל, ישורינס רעכט האַנט.
אייך איז דאָך זיכער באַקאַנט,
וואָס איך קען נישט פאַרשטיין
און נאָר איר אַליין
קענט מיר אויפקלערן
וואָס איך בין גערן
צו וויסן.
עס זאָל אייך נישט פאַרדריסן
וואָס אונדזער „טשיף״ ישורין
שוין אין די עלטערע יאָרן...
זאָל פירן די גאַנצע גרענדע
אָן אַן ענדע...
וואָס טראָגט אַלץ אויף זיין קאָפ
און לאָזט אונדז נישט אָפ
מיט אַ זעלטענעם זכרון
דערגייט ער אונדז די יאָרן.

לויפט ווי אַ וויכער,
פירט ביים קלוב די ביכער.
דעם „חברשאַפט״ ער רעדאַקטירט
דעם קלוב ער פירט.
גיט אונדז נישט קיין פרייע שעה
וויל וויסן „הו איז הו״
אין אַרבעטער רינג
און אַלצדינג
טוט ער אַלץ אַליין
וואָס איז מיר שווער צו פאַרשטיין
ער איז שטענדיק גרייט
צו יעדע צייט
אונדז געבן עצות
אַלץ אויף זיינע פלייצעס
נעמט פאַר זיך די גאַנצע גלאָרי
און האָט שוין פאַרכאַפט „וואַלדאָרף אַסטאָריע״.

ווי דער „ספוטניק״ ער פליט
גיט אונדז נישט קיין פרייע מינוט
וויל אים איינער באַהילפיק זיין
זאָג ער — איך קען מיין שטעטל אַליין באַשטיין.
די באַאַמטע פון קלוב ער איגנאָרירט

ער זאָגט, אַז אַן אומגליק וואָלט פּאַסירט
ווען זיי האָבן די מאַכט
און ער טראַכט
ווען זיי וואָלטן רעגירט
וואָלטן זיי דעם קלוב רואינירט
וואָס זיינען אַ פּינפּטע ראָד צום וואָגן
ווען ער קען נישט פאַרטראָגן
און דאַרף זיי אויף כּפּרות
און מאַכן אים אַן צרות.

האָט איר ווען געטראַכט
אַז איינער וואָס האָט די גאַנצע מאַכט
מעג ער זיין ווי קאָמפּעטענט
וואָס ליגט אַלץ אין זיינע הענט
איז אַ גרויס געפאַר
און פירט זיך אויף ווי אַ צאַר.
ווען ער זאָל האָבן איינשטיינס קאָפּ
זיין געניאַליטעט
מאַך איך אייך אַ וועט
אַז עס וועט לאַנג נישט נעמען
און וועט זיך צו אונדז נעמען.
קומען צו אים מתוודה זיין
דערציילן אים אַלצדינג
און קושן זיין רינג
ווי ביי דעם גלח דער גוי.
מוז עס בלייבן אַזוי?
ער הערט דאָך אונדז ווי דעם קאָטער
ווי ווערט מען פון אים פּטור?

דער ענטפער

ליבער פריינד:
עס איז שוין נישט פון היינט
וואָס ישורין די מלוכה פירט
עס האָט שוין פּאַסירט
ווען אַ גרופּע האָבן רעוואָלטירט
קעגן אים
און זיי געמאַכט שטים...
זיי האָבן געהאַט אַן אַמביציע
צו מאַכן אַ רעוואָלוציע
ווען דער „טשיף" האָט גלייך פאַרניכטעט
און אַפילו נישט באַריכטעט...
וואו זייער געביין איז אַצינד
פאַרשוואונדן ווי דער ווינט.

מאַכט אייך נישט צום נאַר
איר זייט אין אַ סכנה, אין אַ געפאַר
אַז ווען ער זאָל זיך דערוויסן
ווער איר זייט
איז גאָר נישט ווייט
איר זאָלט האָבן דעם זעלבן סוף
בלייבן אָן אַ קאָפּ
אַזוי איז שוין אונדזער לעבן
און איך קען אייך קיין עצה נישט געבן...

דר. אַלעקסאַנדער זעלדין

פּרעזידענט — 1938



מיט 20 יאָר צוריק, אין דעם יאָר 1938 איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן צו זיין אין דער פּירערשאַפט פון אונזער קלוב און היינט, פּונקט אַזוי ווי מיט 20 יאָר צוריק באַטראַכט איך דעם קלוב פאַר אַ ווירקזאַמען כוח.

אַ דאַנק דעם קלוב, זיינען פאַרמידן געוואָרן אַ סך צרות אין דעם אַרבעטער־רינג. זאָל דער קלוב ווייטער ווירקן און בויען אונזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע נויטיקט זיך אין דעם איצטיקן מאָמענט אין אַלעמענס לאָיאַליטעט און איבערגעבנקייט.

מייקעל רובינשטיין

פּרעזידענט — 1955



די מאָנטרעאָלער מיטגלידער און ברענטשעס פון דעם אַרבעטער־רינג, האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט שווערע איבערלעבונגען, עס האָט געדראָעט אַז דער אַרבעטער רינג זאָל פאַרלירן זיינע וויכטיגע פּאָזיציעס אין קאַנאַדע און סיי די נאַציאָנאַלע אַדמיניסטראַציע פון דעם אַרבעטער־רינג און סיי וויכטיגע טוער פון אונזער קלוב האָבן פיל בייגעטראָגן דורכצולעבן די שווערע מאָמענטן. זאָלן די אַלע וועלכע האָבן געהאָלפן שליכטן די געזעצלעכע פראַגן אין קאַנאַדע געבענטשט זיין דערפאַר.

נעמט אָן מיינע וואַרעמסטע וואונטשן צום קלוב, אַז ער זאָל אין דער צוקונפט זיין פּונקט אַזוי באַהילפיג דעם אַרבעטער־רינג, ווי ער איז דאָס געווען ביז איצט.

צדוק לייב

דאָס ביסל מזל, נעבעך...

(ס׳איז נאָך ערגער, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל. — שלעכטע פּירונגען. — בײַ די פילאַדעלפּיער „קוויקערס״)

שיער נישט פאַרגעסן ווי מען נעמט אַ פּען אין האַנט... שוין באַלד צוויי יאָר, אַז דער טשיף איז געווען ביזי און האָט מקריב־געווען דעם „חברשאַפט״ — און די מיט־אַרבעטער, מ׳שטיינס געזאָגט, זיינען געווען אויפן וועג פון ווערן אויס „גראַמאַטנע״... צוריק געריעדט: איז דאָס אפשר געווען „גוט פאַר יידן״; פאַרשפּאַרט זיך מאַטערן מיט די „שאַפּונגען״ פון די „קינסטלערישע״ פּאָעזיע און פּראָזע, וואָס ווערט אַלע יאָר אַזוי טאַנדעטנע צענויפגעפּאַסטריגעט, און ווי מען נעמט דאָס אין האַנט אַריין צעפאַלט זיך דאָס און איר בלייבט, במחילה, — נקי...

ספּעציעל איז דאָס חל אויף דעם „גרויסן״ הומאָריסט — אַורעמעלע — וועלכער האָט עקספּאָרטירט זיינע אַלטע וויצן אַזש קיין קאַנאַדע, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דאָרט האָט מען זיי נאָך נישט געהערט... אָבער ער האָט, ווייזט אויס, „אונטערשעצט״ זיין „וועלטבאַרימטקייט״. ווען אַורעמעלע האָט געוואָלט עפּענען זיין באַגאַזש פאַרן אינספּעקטאָר צו אונטערזוכן דעם פּאַרטפּעל מיט „זיינע״ וויצן, האָט אים דער אינספּעק־טאָר גלייך דערקענט און אַ זאָג געטאָן: „נאָסערי, אַי עם נאָט לוקינג פאָר אָלד דזשאָוקס!״...

דער זעלביקער אַורעמעלע האָט אויך געהאַט וויייניק מזל מיט זיין טשערמאַנשיפּ, אויף דער קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאָל. אַלע קאָמיטעס זיינען געווען „ביזי״ נאָר ער אַליין האָט זיך אַרומגעדרייט אָן אַ שטאָך אַרבעט, און אַז מען האָט אים געפרעגט וועגן זיין קאָמיטע, האָט ער געענטפערט אויף זיין שניידערישן לשון: „מ׳האָט מיר געגעבן אַ קאָמיטע, מעך געמאַכט פאַר טשערמאַן, אָבער מ׳האָט מיר נישט געגעבן קיין באַנדלס, האָב איך נישט וואָס צו טאָן, דריי איך זיך אַרום, זוך אַ קרבן וואָס זאָל אויסהערן מיינע וויצן, אָבער — נישטאָ!... גיי איך צו קערמעשלעך... דאָס ביסל מזל, נעבעך״...

* * *

דרייען זיך אַרום אַביסל יידן, אויסגעמאַטערטע (ריטאַיערטע, בלע״ז), האָבן נישט וואָס צו טאָן, ווילן זיי אָוועקגעבן זייערע חכמהס און פעאיקייטן דעם אַרבעטער־רינג, נעבעך... האָט זיך אַ גרויסער ייד (אַ זעקס־פוסיקער), גראַדע אַן „אָלד־טאַיימער״, וועלכער האָט זיינע פאַרדינסטן פאַרן אַרבעטער־רינג, אַמאָל באַנאַרישט און נוקם־געווען אַן הערשל טייטעלמאַן. ווי אַזוי? גאָר פּשוט: ער האָט זיך געפרייט ווען הערשלען האָט געטראָפן אַן אומגליק בעת ער איז געווען פאַרזיצער פון קעמפּ... ער האָט דאָס אָבער מפורסם־געמאַכט. הערשל האָט אָבער נאָך אַלץ אַ גוטן זכרון, און ווי זאָגט די גמרא: „עוורי דאָג העז היז דעי״. הערשל האָט דערלעבט דעם טאָג, ווען דער דאָזיקער ייד האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון אַ יאָר קעמפּ־טעטיקייטן, וועלכער איז נישט געווען אַזוי אַי־אַי־אַי. נו, פרעגט שוין נישט. הערשל האָט דעם יידן, נעבעך, אַזוי צעטרייבערט, אַז ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן זיך מיט אים אָנהייבן.

איייניקע פון די אויסגעמאַטערטע יידן קריגן אפשר אַמאָל אַביסל אַרבעט; פאַרנע־מען אַן אַמט אין אַרבעטער־רינג. אָבער זיי קריגן אויך אַ היפּש ביסל שונאים דערפאַר.

אָט האָט זיך אָפּגעליידיקט דאָס בענקל פון גאָווערנאָר (מיטגליד אין דער נאַציאָ־נאַלער דירעקטאָרן באָארד). האָבן עטלעכע געוואָלט לויפן פאַר דעם אַמט. אַז הערשל האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געגעבן אַ זאָגעלע: „אויב זיי לויפן, טאָ וואו בין איך?״

נו, אים דאַרף מען דאָך נישט זאָגן ווי אַזוי מען ציט די דראָטן... און ווען די שורות וועלן דערזען די ליכטיקע וועלט, וועט שוין הערשל האָבן אָפּגעגעבן זיין באַריכט פון סטייט פּענסילווייניע. ס'איז בלויז אַ רחמנות, נעבעך, אויף די נאַוואָבראַנצעס אין דעם דירעקטאָרן באָארד... די אַלטע, די וועטעראַנען, קענען אים שוין און וועלן פון זיין באַריכט נישט נתפּעל ווערן. זיי זיינען שוין צוגעוואוינט אים צו הערן טענהן, אַז דער היינטיקער פּנים פון אַרבעטער־רינג איז נישט דאָס וואָס אַמאָל; אַלע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג וואָלטן באַדאַרפט באַלאַנגען צום יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד (רבונו־של־עולם, אַלעוואַי דערלעבט מען שוין דעם טאָג!), און נאָך און נאָך. אָבער מסתמא וועלן קיין קינדער פון דעם נישט שטאַרבן, און מען וועט דאָס אויך איבערלעבן...

אַקעגן דעם וואָס וואָס מען זאָגט: דאָס ביסל מזל, נעבעך (און טאַקע אויך שכל)... האָט זיך באַוויזן אין פילאַדעלפיע אַ נייער „משיח”, יאָסל (אַ משיח דאַרף הייסן יאָסל...) האָט ער, אַנשטאָט ברענגען די גאולה, זיך פאַרנומען מיט אַרומקריגן מיט אַלעמען און כלומרשט פירן פּאָליטיק, מ'שטיינס געזאָגט... רק ער האָט זיך באַרימט, אַז די אַלטע טוער און פירער וועט ער, און נאָר ער אַליין, מיט זיין שם־המפורש! באַזייטיקן. האָט ער אַזוי לאַנג קאַמאַנדעוועט ביז — ער האָט זיך אַליין אַרויסגעגליטשט פון אַפּיס... דער בחור איז אַרומגעלאָפן און אַזוי געפּלאַפּלט: „אים גאָיאינג טו ליק לעווינסאָן, טייטעלמאַן, גראָס ענד בוירגער טו!” נו, פרעגט שוין בעסער נישט... ס'האָט פּאַסירט פּונקט דאָס פאַרקערטע. ער גייט אַרום אַן אָפּגעשמיסענער, אַז ס'איז אַ רחמנות אויף אים...

דער דאָזיקער „משיח” האָט זיינע שטאַרקסטע פיילן געצילט אויף למד למדן. דאָס איז אַ ייד, וועלכער רעדט נישט, ווען מען דאַרף נישט... ער האָט אָבער אויגן וואָס זעען און אויערן וואָס הערן. נו, וואָס־זשע האָט פּאַסירט? למד למד איז עולה לגדולה געוואָרן! אַראָפּ פון גאָווערנאָרס בענקל און גלייך אַרויף אויפן בענקל פון פאַרזיצער פון שטאָט און דיסטריקט קאָמיטעט.

דער ייד האָט אַ טבע, אַז ער וויל נאָר טאָן, רייסט ער זיך אויס דעם האַלדז. ווי אָבער, אַז מען רעדט צו טויבע אויערן? פאַרקאַשערט ער די אַרבל און טוט אַליין. נאָך דעם האָט מען צו אים טענות: „מיך אַרט נישט, אַז מען קריטיקירט פאַר אַרבעט”. אָט, אַ שטייגער, האָט פילאַדעלפיע אונטער זיין אַדמיניסטראַציע, פאַראַיאָרן געזאַמלט איבער 23 הונדערט דאָלאַר פאַרן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, די גרעסטע סומע פון וועלכער ס'איז שטאָט איבערן לאַנד, ניו־יאָרק אַריינגערעכנט. אין דעם זעלביקן יאָר, האָט זיך דער מעדיקאַל דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער־רינג אין פילאַדעלפיע, געפונען אין אַ דעפּיציט. איז דער ייד אַוועק צו אונדזערע וויבער (דעם פרויען קאָמיטעט) און זיי באַווירקט, אַז ס'איז וויכטיק, אַז זיי זאָלן אָנפירן אַן אַקציע פאַר אַן אייגענער אינסטיטוציע, און ס'איז אַוועק אַ גאַנג! פון די אייגענע רייען האָט מען געזאַמלט אַן ערך 13 הונדערט דאָלאַר! איצט, טענהן די פרויען, אַז זיי וועלן די מענער אַוועקשיקן אין קיך צו טאָן די ווייבערשע אַרבעט און זיי וועלן זיך נעמען עפּעס טאָן פאַר דעם אַרבעטער־רינג... דאָס ביסל מזל, נעבעך...

אָפּנים, אַז פילאַדעלפיע האָט אַ באַזונדער מזל צו נאַוואָבראַנצעס. דאָס מאָל איז דאָס מזל אלתרס. ער האָט געקראָגן אַ פּאָמאָטשניק, י. גרין (פּאַס), וואָס זינגט הויך אויפן קול, „ס'צעגאַיט אין יעדן איוועך” דער וואַרשעווער לשון, און דער מינסקער, אלתר, דאַרף נעבעך, זיך צוגעוויינען אים צו פאַרשטיין... אָבער די יידן פון דעם איסטערן זאָון פאַרשטייען אים שוין גאָר גוט! מען גיט געלט! דער ייד האָט אויך שכל, ער ווייסט ווען און וואו; וואָס מ'מעג און וואָס מ'טאָר נישט...

אווראמעל

אַ פֿאַנטאַסטישער חלום

(צום זיבעציק יאָריקן געבורטסטאָג פֿון יעקב ראָבערטס)

ביי דער אַמעריקאַנער יוגנט איז מיט יאָרן צוריק געווען פּאָפּולער אַ לידל וואָס האָט געהייסן: „דיד יו עווער סי אַ דרים וואָקינג?" — האָט איר ווען געזען אַ חלום שפּאַצירן? דאָס דאָזיקע לידל איז געווען אַ פֿאַנטאַזיע פֿונעם שרייבער וואָס האָט ליב געהאַט אַ מיידל און זי האָט פֿון אים נישט געוואָלט וויסן. האָט ער זי געזען אין חלום וואו זי שמייכלט צו אים און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז זי ליבט אים. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָט ער דערזען, ווי דער חלום האָט אים אָפּגענאַרט.

אַזאַ חלום האָט געהאַט אונדזער יאַנקעלע ראָבערטס, ווען מען האָט זיך געגרייט צו פּייערן אויף אַ גרויסאַרטיקן שטייגער זיין 70 יאָריקן יובל. דאָס איז געווען יענע נאַכט, ווען ער האָט זיך בייטאָג דערוואוסט, אַז מ'גרייט זיך צו פּייערן זיין יום־טוב, איז ער דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער, אַ נערוועזער, און נישט געוואָלט גלויבן אַז ער איז שוין געוואָרן אַ בן־שבעים, אַ זקן, און דאַרף שוין אויפֿהערן צו טראַכטן פֿון העכערע אַמביציעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן, וואָס ער קען שוין נישט דערגרייכן אויף זיין עלטער...

ווען ער איז יענעם אָוונט אַהיימגעקומען, האָט זיין ווייב, לינע, באַמערקט, אַז ער איז „נישט מיט אַלעמען" און זעט אויס ווי ער וואָלט געהאַט אַ שלעכטן טאָג. ער האָט שוין יענעם אָוונט נישט געגעסן זיין וועטשערע מיטן זעלבן חשק ווי אַלעמאָל, און גע־ווען פֿאַרזונקען אין טיפֿע רעיונות, און די ווייב האָט נישט געקענט דערגיין די סיבה וואָס מיט אים איז געשען.

נאָך דער וועטשערע, איז ער אַריין מיט דער ווייב אין ליווינג־רום, אַנגעשטעלט די טעלעוויזיע און זיך צוגעהערט צו פֿאַרשיידענע פּראָגראַמען. זיי זיינען אַזוי אָפּגע־זעסן ביז עלף אַזייגער צו זען די לעצטע נייעס. זיין ווייב בעט זיך ביי אים אַז ס'איז שוין צייט צו גיין שלאָפֿן, און ראָבערטס וויל דערפֿון נישט הערן, און זיצט זיך ווייטער אויף דער וויכער שטול און קוקט אויף דער סטעליע אַן טראַכט, און ווערט איינגעשלאָפֿן.

די טעלעוויזיע האָט דאַן געוויזן אַ „וועסטערן מואווי" ווי די ווייסע אַמעריקאַנער באַפֿאַלן אַ קאָלאָניע פֿון אינדיאַנער אין די וועסט. ער קען נישט לידן וואָס אומשולדיקע מענטשן פֿאַלן ווי די פֿליגן און עס דערוועקט אין אים דער געוויסן אַז מ'דאַרף קומען די דאָזיקע מענטשן צו הילף, און פֿליט אַוועק וואו די שלאַכט איז פֿאָרגעקומען, און שליסט זיך אָן מיטן אינדיאַנער שבט און געווינט די שלאַכט פֿאַר זיי...

ראָבערטס איז געוואָרן דער העלד פֿון די אינדיאַנער וואָס האָבן אים געקרוינט אַלס זייער „טשיף". חברה האָבן גענומען טאַנצן אַרום אים אַזוי ווי די טוער פֿון דער אַר־בעטער־רינג היים... ער האָט שוין אָנגעפֿאַנגען טראַכטן אַז צום נעקסטן צוזאַמענפֿאָר פֿון נאַציאָנאַלן סאָשעל קלוב, וועט ער אַריינמאַרשירן מיט זיין אינדיאַנער שבט און אַרונטערוואַרפֿן ישורינען אַז ער האָט קיין רעכט נישט זיך צו רופֿן „טשיף", און פֿאַר־נעמען זיין פּלאַץ...

עס חלומט זיך אים ווייטער, ווי ער איז אַנטלאָפֿן פֿון זיין שטעטל ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער ייִנגל און אָנגעקומען אין וואַרשע און זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין קליינעם „בונד" און געוואָרן זייער פֿירער. ער גרייט זיך צו אַן ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע

און טראָגן די רויטע פאָן. אָט מאַרשירן שוין די שניידערס מיט דובינסקי און פּאָטאָפּסקי בראָש. ער זעט נישט זיין פּרעזידענט, אַלעקס ראָוז, און באַשולדיקט אים אַלס פּייגלינג, וואָס האָט מורא געהאַט צו מאַרשירן, ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער מעקלעלעך קאָמיטע...

אים חלומט זיך, אַז ער איז שוין אָנגעקומען אין אַמעריקע און ווערט אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג, און פאַנגט באַלד אָן צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע און ווערט דער־ווילט אַלס דעלעגאַט צו דער אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן אין דעטראָיט, וואו עס קומט פאָר אַ ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע צי זאָל דער אַרבעטער־רינג בויען היימען פאַר עלטערע מיטגלידער, אָדער נישט.

אויף דער טריבונע שטייט ישורין און האַלט אַ פייערדיקע רעדע אַז די איינציקע זאַך וואָס קען ראַטעווען דעם אַרבעטער־רינג אַז ער זאָל האָבן אַ קיום און וואַקסן אין דער צוקונפט, איז צו פאַרזאָרגן די עלטערע מיטגלידער מיט אַ היים וואו עס זאָל הערשן אַן אַטמאָספערע וואָס זאָל זיין אינעם גייסט פון אַרבעטער־רינג, און זאָל זיין אַנדערש ווי אין די „אַלד עידזש האָומס" וואָס ווערן אויפגעהאַלטן פון פילאַנטראָפּישע רייכע יידן. — אַזאַ היים פאַר עלטערע מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג — דונערט ווייטער ישורין — וועט אַריינברענגען אַ נייעם לעבן אין אַרבעטער־רינג און די עלטערע מיטגלידער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע — וואָס זיינען געשטאַנען ביי דעם וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, — האָבן פאַרדינט אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל זיי פאַרזאָרגן אויף דער עלטער, האָט פאַרענדיקט ישורין.

ראָבערטס איז אויף יענער קאָנווענשאָן געזעסן ביי דער זיצונג ווי אויף שפּילקעס און האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן ווען מ'וועט אים שוין רופן צום וואָרט. ענדלעך רופט דער פאַרזיצער אויס זיין נאָמען און ראָבערטס גייט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און מאַכט אַ שטאַרקע אַטאַקע אויף ישורינען אַז ער איז אַ פאַנטאַזיאָר, אַ דאָן קיכאָט, אַז מ'וועט אָננעמען זיין פּלאַן קען עס רואינירן דעם אַרבעטער־רינג און אַלע אירע אינ־סטיטוציעס, ווי די שולן, דעם מעדיקאַל דעפּאַרטמענט, דעם סאָשעל סוירוויס, דעם סעמעטערי דעפּאַרטמענט, און רואינירן דעם אַרבעטער־רינג פינאַנציעל.

— איך בין צופרידן — טראַכט ער אין זיין חלום — וואָס ביי יענער קאָנווענשאָן בין איך נישט געווען אַליין און געקראָגן די שטיצע פון אַב. סאָלאָוויאָף, מרס. סאָלאָוויאָף, טשאַרלי אָראָנסקי, פישער און גאָלדינג... רעדעס זיינען אויך געהאַלטן געוואָרן פון נחום כאַנין און בענדזשאַמין געבינער, וואָס קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין צי זיי זיינען פאַר אָדער קעגן... ווען די רעזאָלוציע איז גענומען געוואָרן צו דער אָפּ־שטימונג, איז זי דורכגעגאַנגען מיט אַ ריזיקער מאַיאָריטעט און ישורין האָט געזיגט, און פון דעמאָלט אָן קען ראָבערטס נישט מוחל זיין ישורינען פאַר דער אַוואַנטורע וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט גענומען בויען היימען פאַר עלטערע מיטגלידער.

* * *

עס איז שוין געווען צוויי פאַרטאָג, און די טעלעוויזיע האָט נישט אויפגעהערט צו שפּילן. ראָבערטס געפינט זיך שוין אויף אַן עקסקורשאָן־שיף פון דער „פרייער אַר־בעטער שטימע" און באַקענט זיך מיט אַ שיין מיידל וועמען מ'האָט גערופן לינע, אין וועמען ער האָט זיך פאַרליבט פון דער ערשטער מינוט ווען ער האָט איר דערזען, און באַלד חתונה געהאַט. ער דערמאָנט זיך אין יענע ראָמאַנטישע יאָרן, ווען ער איז „אויס־געגאַנגען מיט לינען וואו אַלע האָבן אים מקנא געווען וואָס ער האָט געקראָגן אַזאַ שיינע יידישע טאָכטער פאַר אַ ווייב.

אין דעם דאָזיקן מאָמענט, דערשיינט פאַר אים לינע וואָס איז אַרויס פון איר שלאָף־צימער און וועקט אים אויף אַז ס'איז שוין צייט צו גיין שלאָפן... ער באַטראַכט לינען, אַז זי האָט זיך גאָר נישט געעלטערט און איז נאָך אַלץ אַזוי חנעוודיק ווי ווען זי איז געווען אַ כלה... און גייט צו צום שפיגל און באַטראַכט זיך אַז ס'איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה אַז ער איז שוין געוואָרן זיבעציק יאָר אַלט און פאַלט אַריין אין בעט אַ מידער, און ווערט אַנטשלאָפן.

עס חלומט זיך אים ווייטער ווי ער זיצט ביים באַנקעט אויבן־אָן און דאַרף האַלטן אַ רעדע וועגן דער אַרבעטער־רינג „אַלד עידזש האָום" וואָס האָבן פאַר אים אַראַנזשירט דעם באַנקעט. ווי וועט ער קענען ריידן וועגן אַן אינסטיטוציע וואָס ער האָט באַקעמפט און ישורין, — וואָס וועט זיצן לעבן אים, — וועט לאַכן ווי ער, ראָבערטס, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן בענד־וואָגן און געוואָרן אַ פירער פון דער „האָום"...

וואָס אַ חלום קען אַלץ אויסטראַכטן...

צוויי לעבן־פאַרבליבענע גרינדערס פון אונדזער קלוב

דזשייקאָב ראָטמאַן



נייטען פריימאַן

א. מאַהלער

נאָבעל־פּרייז קאַנדידאַטן

צו דעם 45טן יובילײ פון אונדזער נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב דערלויבט איך זיך צו מאַכן אַ פאָרשלאַג, אין נאָמען פון אַ קאָמיטעט, צו באַלוינען אונדזערע פאַרדינסטפולע טוער פון אונדזער קלוב מיט איינגאַרטיקע פּרייזן, די נאָבעל־פּרייזן פון אונדזער זקנים־קלוב.

מיר האָבן אַזוי פיל געזעלשאַפטן, וועלכע טיילן אויס פּרייזן צו די יעניקע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף פאַרשיידענע געביטן פון ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט — אָנהויבנדיק פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע, וועלכע פאַרוואַלטעט מיט די פאָנדן פון דער נאָבל־געזעלשאַפט, און אויך פון אַנדערע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפטן, וועלכע טיילן אויס פּרייזן צו יחידים פאַר גרויסע אויפטואונגען אויף פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע געביטן.

אין אונדזער יידישער וועלט זיינען טעטיק אויף דעם געביט, אויף דעם געביט פון אויסטיילן פּרייזן, דער לאַמעד־פאָנד, דער יידישער וועלט קאָנגרעס, פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס אין אַרגענטינע, אין מעקסיקאָ, און אויך איינצלנע, וועלכע שאַצן אָפּ דעם אויפטו פון יחידים־קינסטלער, און דערמיט גיבן זיי אינספּיראַציע און מוט צו גייסט־רייכע מענטשן אויף די געביטן פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

אונדזער געזעלשאַפט, דער נאַציאָנאַלער סאָציאַלער קלוב, פאַרמאָגט גאָר אַ סך פון די יעניקע, וועלכע זיינען באַזעלט מיט אַזאַ געניוס, און האָט דערפאַר באַשטימט אַ קאָמיסיע צו רעקאָמענדירן די קאַנדידאַטן פאַר די פּרייז־געווינער, וועלכע אונדזער קלוב זאָל אויסצאָלן.

מיר רעקאָמענדירן, אַז דעם ערשטן פּרייז זאָל קריגן יאַנקל ראַטמאַן, וועלכער דאַרף באַטיטלט ווערן אַלס: מר. אַרבעטער־רינג.

דעם צווייטן פּרייז רעקאָמענדירן מיר פאַר פריינד יעקב ראָבערטס. ער האָט אַזוי פיל יאָר געשטרעבט צו זיין פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג, און איז ענדלעך געוואָרן — דער פּרעזידענט פון דער אַלד־אײדזש־האָם פון אַרבעטער־רינג.

דעם דריטן פּרייז רעקאָמענדירן מיר פאַר יודל באַרענשטיין. זיינע פאַרדינסטן זיינען: ער האָט די שענסטע ווייב פון אַלע מיטגלידער פון אונדזער קלוב.

דעם פערטן פּרייז רעקאָמענדירן מיר צו פריינד סעמועל ברוסקין, פון וויטעבסקער ברענטש, פאַר גאָר אַ סך אויפטואונגען.

דער פינפטער פּרייז דאַרף גיין צו אונדזער דזשענעראַל סעקרעטאַר, נחום כאַנין, פאַר ווערן יינגער פון יאָר צו יאָר.

צו דעם זעקסטן פּרייז איז באַרעכטיקט אונדזער געהילפס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, פריינד ב. געגבינער, פאַר זיינע ניט געהאַלטענע רעדעס.

אַט די אַלע רעקאָמענדאַציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק פון דער גאַנצער קאָמיסיע, מיט דער איינציקער אויסנאַמע פון קאָלעגע אברהם הערשקאָוויץ, וועלכער האָט געוואָלט אַלע פּרייזן פאַר זיך אַליין.

די דזשורי, וועלכע רעקאָמענדירט די פּרייזן, האָט געהאַט אין זינען, אַז עס זאָל זיך ניט איבערחזרן די פּראָצעדורע פון די פּרייז־באַלוינונגען אין אַ געוויסער באַרימטער אָרגאַניזאַציע, וואו איין מאָל האָט די דזשורי אויסגעטיילט פּרייזן צו געוויסע ליטעראַטן, און דעם קומענדיקן יאָר זיינען די פּרייז־געווינער געוואָרן די דזשורי און האָבן אויס־געטיילט פּרייזן צו דער פֿאַראַיאָריקער דזשורי. מיר מוזן דאָס פֿאַרהיטן, כדי מען זאָל האָבן צוטרוי צו אונדז, און אויסמיידן קריטיק.

דאָס זיינען אונדזערע רעקאָמענדאַציעס, און מיר ווילן האָפֿן, אַז אונדזערע חשובֿע קאָלעגן וועלן דאָס אָננעמען.

אַנטדעקט אַ באַנדע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן דעם קלוב

מיר פאַרעפנטלעכן דאָ אַ דראַמאַטישע, סענסאַציאָנעלע געשיכטע וואָס וועט אויפ־טרייסלען די נערוועז פון אונדזערע מיטגלידער ווען זיי וועלן זיך דערוויסן ווי אַזוי אַ באַנדע פאַרשווערער האָבן זיך געגרייט צו פאַרכאַפּן דעם קלוב און מאַכן אַ פּאָליטישע איבערקערעניש, וואָס קען פאַרגליכן ווערן צו די קליינע דיקטאַטאָרס אין די זיד־אַמעריקאַנישע לענדער, און אַרויפזעצן אַ דיקטאַטאָר.

מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די וואַכזאַמקייט פון אונדזער „טשיף" וואָס האָט נישט פאַרלוירן קיין מינוט צייט. ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט פון דער דאָזיקער פאַר־שווערונג, האָט ער באַשטימט איינעם פון זיינע פאַרטרויענסווערטע מענטשן וואָס זאָל שפּילן די ראָלע פון אַ שונא פון דער איצטיקער אַדמיניסטראַציע פון קלוב און זיך אַנשליסן אין דער באַנדע און צו אים באַריכטן פון זייערע טעטיקייטן.

מיר גיבן דאָ איבער די גאַנצע געשיכטע פון די פאַרשווערער ווי עס האָט אונדז איבערגעגעבן דער געהיימער אַגענט, און זאָלן זיך די מיטגלידער פון קלוב דערוויסן, ווי אַזוי אין אונדזערע רייען האָבן זיך געפינען פאַררעטער וואָס האָבן אויף אַ קאָנספּי־ראַטיוון אופן געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט.

צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות קענען מיר ניט איבערגעבן דעם נאָמען פונעם אַגענט וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן צו קענען פאַרעפנטלעכן די פאַקטן וואָס ער האָט גע־זאַמלט און דערמיט געראַטעוועט דעם קלוב ער זאָל נישט אַריינפאַלן צו אַ באַנדע אוואַנטוריסטן און פאַרמידן אַ בירגער קריג...

לאָמיר איצט דערציילן די גאַנצע געשיכטע פאַדראַבנע:

מיט אַ צייט צוריק, האָבן זיך צום „טשיף" דערטראָגן קלאַנגען, אַז ס'האָט זיך געגרינדעט אַן אונטערערדישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדע מיטן צוועק צו פאַרכאַפּן דעם קלוב און אָפּגעהאַלטן רעגעלע פאַרזאַמלונגען אין אַ ביר־האַלע, ווי היטלער אין מינכען, אָדער אין „סעלס" וואָס קאָמוניסטן פּראַקטיצירן, און געפּלאַנעוועט זייער „פּוטש"... זייער פּלאַן איז געווען, צוערשט קידנעפּן דעם „טשיפ"ס באָדי־גאַרד, יאַנקל ראַטמאַן, ווען זיי זיינען געווען גרייט אַריינצוואַרפן אין אַ פעסל אין איסט ריווער, און דאַן וואָלט שוין פאַר זיי געווען לייכט דורכצופירן זייער טייוולאָנישן פּלאַן, צו פאַר־כאַפּן דעם קלוב...

ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען אין זייער „סעל" — דערציילט דער אַגענט, — האָב איך באַדאַרפט שווערן אַז איך בין אַ שונא פון „טשיף" פאַרפליכטן זיך קיינעם נישט דערציילן וואָס קומט פאָר ביי די פאַרזאַמלונגען. און אויב זיי וועלן זיך דערוויסן אַז איך האָב אַרויסגעטראָגן סודות פון זייערע פאַרהאַנדלונגען, וועלן זיי מיר פאַרמאַכן דאָס מויל אויף אייביק...

זייער הויפּט שנאה צו דער איצטיקער אַדמיניסטראַציע פון קלוב איז, וואָס דער הויפּט פירער — דער „טשיף" — פירט די אָרגאַניזאַציע אויף דעמאָקראַטישע יסודות און ער טוט נישט קיין זאַך אָן אַ פריערדיקע באַראַטונג מיט די מיטגלידער און ער דער־ציט אַ קלאַס מענטשן — אַז ווען זיי קומען אָן אין אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע, ווילן זיי

שפּילן די זעלבע ראָלע ווי אין קלוב... ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַן אָרגאַניזאַציע ווי דער קלוב זאָל יעדן יאָר דערוויילן אַן אַנדערן פּרעזידענט, אַן אַנדערן סעקרעטאַר, נייע וויצע־פּרעזידענטן נייע פאַרזיצערס פון קאָמיסיעס — אַ חוץ אַ נייעם „טשיף"... ווי דער אַגענט האָט אונדז איבערגעגעבן, איז דער הויפּט פירער פון די פאַרשווערער יעקב ראָבערטס, וואָס האָט געשילדערט די צרות וואָס ער שטייט אויס אין דער אַרבעטער־רינג היים פון די איינוואוינער וואָס האָבן דורכגעמאַכט די שולע פון קלוב און ווילן דווקא אַז אויך דעם פּרעזידענט פון דער „האָום" זאָל מען דערוויילן יעדן יאָר און ווילן האָבן אַ דעה אין דער פאַרוואַלטונג פון דער היים...

אַ צווייטער רעדנער וואָס האָט גערעדט קעגן דער איצטיקער פירערשאַפט פון קלוב איז געווען יחיאל עבעריל, וואָס האָט געהאַט אַ טענה צום „טשיף" אַז ער איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַרוואָס ער איז נישט געוואָרן פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג ווען זיין קורצער טערמין איז אויסגעגאַנגען, און באַשטימט דזשעק צוקערמאַנען וואָס איז אַ האַלבער גוי און קען נישט פאַרענדיקן אַ רעדע אין יידיש... און שפּעטער געמאַכט פּרעזידענט ישראל ברעסלאַו, וואָס האָט מער דערפאַרונג מיט „שיקסעס" אין זיין יוניאָן, ווי מיט די פּראָבלעמען אין אַרבעטער־רינג...

אַ דריטן רעדנער וואָס דער אַגענט האָט געהערט, איז געווען ל. סילווער, דער עדיו־קישאַנעל דירעקטאָר פון דער אַרבעטער־רינג היים, וואָס האָט באַשולדיקט דעם „טשיף" אַז ער איגנאָרירט אים. כאָטש ער קען אים אַלס אַ גוטן יידישן שרייבער, האָט ער אים קיין מאָל נישט באַשטימט צו זיין דער סעקרעטאַר פון קלוב און באַשטימט אַזעלכע קאַליקעס ווי אַוורעמל, סאָבאָטקאַ, רעגענסבערג, וואָס קענען נישט קיין שייטל עברי, און שרייבן פּראָטאָקאָלן ווי ראָטמאַן רעדט יידיש...

העריס רובינסקי האָט זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז שוין אַוועק אַ היפּשע עטלעכע יאָר און דער „חברשאַפט" האָט נישט געדרוקט זיין פּיקטשור און איז שוין געוואָרן אַ פאַרגעסענער מענטש... ער האָט פאַרגעשלאָגן, אַז די אונטערערדישע באַוועגונג זאָל אַרויסגעבן אַן אייגענע ציימונג מיט פּיקטשורס פון די פירער, און זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער האָט געמאַכט אַ „בולבע" — און מ'וואָלט זיך דערוואוסט ווער די באַנדע איז... און האָט באַלד צוריקגעצויגן זיין פאַרשלאָג...

די מיטגלידער פון קלוב קענען זיך איצט ריכטן, אַז באַלד וועט פאָרקומען אַן עפנטלעכער משפּט פון די דאָזיקע פאַררעטער. דער „טשיף" קלייבט זיך צו מאַכן דעם משפּט אין „יענקי סטעידיום"; ער האָט אויסגעקליבן זיבן פון די הויפּט־פאַרשווערער און די פאַרשטעלונג אַ נאָמען געגעבן: „די זיבן געהאָנגענע"...

דוד אייזענבערג

אונדזער קלוב מעג מיט שטאָלץ זאָגן: מיר האָבן באַשיצט און אָנגעהאַלטן די גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג!

די אמתע וואַקכאַנאַליע קעגן אַרבעטער־רינג האָט זיך אָנגעהויבן אין 1914 אין ניו־הייווען, קאָנעטיקוט, ביי דער 14טער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג, וואו אַ גרופּע דעלעגאַטן האָבן זיך באַצייכנט אַלס יונגע.

מיט סאָדאַ־פלעשלאַך אין די הענט — דאַן איז געווען אַ מאָדע צו שטעלן פלעשלאַך מיט סאָדאַ־וואַסער אויף די טישן, אַ פלעשל פאַר יעדן דעלעגאַט — און אָט די באָטעלעך זיינען עס געווען די שטאַרקסטע אַרגומענטן אין די הענט פון די יונגע. ניט חלילה צו שפּאַלטן קעפּ, אַזוי ווייט איז עס ניט דערגאַנגען. אָבער, איר האָט באַדאַרפט זען ווי די פלעשלאַך האָבן געטאַנצט איבער די טישן מיט אַזאַ הילכיקן געפילדער ווען איינער, וועמען די יונגע האָבן באַצייכנט אַלס „זקן״, האָט באַדאַרפט ריידן. בעטן, אַפּעלירן צו זייער יושר, האָט ניט געהאָלפן, די באָטעלעך האָבן געהאַט דאָס וואָרט. מען האָט אַזוי אָפּגעקלאַפּט כמעט די גאַנצע קאָנווענשאָן.

די לעצטע פאַר טעג איז געמאַכט געוואָרן אַ מין „טרוס״. די יונגע האָבן צוגעשטימט אַז מען זאָל איבערגעבן די גאַנצע זאַך צו אַ קאָמיטע פון דריי (3) וועלכע זאָלן אויסאַרבעטן אַ רעזאָלוציע וואָס זאָל זיין צופרידנשטעלנד פאַר אַלעמען. די פלעשל־דעלעגאַטן האָט פאַרטראָטן שמואל יאַנאָס. ער איז דאַן געווען פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג פאַר דעם אַרבעטער־רינג מאיר לאָנדאָן און איך, דער פאַרטרעטער פון לייבאָר ליג, אַלס דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן פון דער קאָמיטע.

ווען די רעזאָלוציע איז אַריינגעבראַכט געוואָרן און די קאָנווענשאָן האָט עס אָנגענומען — זיינען די געמיטער פאַר אַ ווײַלע איינגעשטילט געוואָרן.

איך שרייב וועגן יענער קאָנווענשאָן, ווייל דאָרטן איז צום ערשטן מאָל באַרעכטיקט געוואָרן די עקזיסטענץ פון אונזער קלוב. דאָרט איז פאַר אונז, וועלכע האָבן אונטערן סלאָגאַן, „די גאַנצקייט פון אַרבעטער־רינג״, קלאָר געוואָרן אַז אין אַרבעטער־רינג איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ גיפט וואָס קאָן אומברענגען די אָרגאַניזאַציע, סיידן אַ קעגן־גיפט וועט אָנגעווענדעט ווערן וואָס זאָל זיין שטאַרק גענוג איינצוצאַמען דעם עלעמענט וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן איבערצונעמען אָדער אומברענגען דעם אַ.־ר. מיר זיינען געווען דער קעגן־גיפט. ווי דער סאָלדאַט אויף דער וואַך זיינען מיר געשטאַנען אין היץ און אין קעלט אונטער פאַרלומדונגען, באַליידיקונגען. אונזער קלוב איז געשטאַנען ווי אַן אייזערנע וואַנט און באַשיצט אונזער באַליבטע אָרגאַניזאַציע.

אַ צווייטער מאָמענט, אַ פיל געפערלעכערער ווי דער ערשטער, ווייל דער איז געווען אבזיכטלעך אָרגאַניזירט איבערצונעמען אָדער פאַרניכטן דעם אַרבעטער־רינג — דאָס זיינען געווען די קאָמוניסטן ביי דער 25טער יובילייִ קאָנווענשאָן אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען צו דער דערעפענונג. זיי האָבן דורך טומל און געשרייען ניט געלאָזט קיינעם ריידן ביז מען האָט אייניקע געמוזט אַרויספירן פון האָל. נאָך מער איז עס געווען ביי די זיצונגען אין סטאַר קאַסינאָ. 1200 דעלעגאַטן זיינען געקומען פון גאַנצן לאַנד און אַ פאַר הונדערט קאָמוניסטישע דעלעגאַטן זיינען געשטאַנען און געקלאַפּט מיט די פיס און קיינעם ניט געלאָזט ריידן. וויפל מען האָט מיט זיי פאַרהאַנדלט, האָט ניט געהאָלפן.

און צו פאַרענדיקן זייערע ברעכערישע אַרבעט האָבן זיי ביי דעם קומענדיקן צוזאַמענ־

קונפט פון דער באַארד און דירעקטאָרס געפּיקעט דעם אַרבעטער־רינג אָפיס, וואו די דירעקטאָרן האָבן געהאַט זייערע זיצונגען, און מאַרשירט מיט פּלאַקאַטן אויף וועלכע עס זיינען געווען די אויפשריפטן „נידער מיט דעם אַרבעטער־רינג, וועלכער איז קאָנטראָ־לירט ביי באָסעס", „נידער מיט באַסקינען, וועלכער האָט זיך פּאַרקויפט צו די קאַפּי־טאַליסטן". ווען עס איז געוואָרן פינצטער אין גאַס, האָבן זיי באַשלאָסן צו שיקן אַ גרויסע קאָמיטע צום מיטינג פון די באַארד און דירעקטאָרס מיט אַן אולטימאַטום. אָדער מיר אָנערקענען רוסלאַנד און נעמען אָן זייער פּראָגראַם, אָדער זיי וועלן אין אַרבעטער־רינג אָרגאַניזירן אַן „אַרבעטער־ליג" און וועלן איבערנעמען דעם אַרבעטער־רינג.

די באַארד און דירעקטאָרס פון וועלכער איך בין דאַן געווען אַ מיטגליד, האָט געענטפערט מיט אַ רעזאָלוציע, אויפפאָדערנדיק די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע דאָס, „אויב אַזאַ פּאַרזוך וועט געמאַכט ווערן, זאָלן זיי אויסשליסן יעדן איינעם וואָס וועט שטימען אין אַ ברענטש זיך אָנשליסן אָן דער קאָמוניסטישער ליג.

דאָ קומט אַריין די גרויסע פאַרדינסטן פון קלוב. די מיטגלידער איבערן גאַנצן לאַנד זיינען אויפגעקלערט געוואָרן וואָס די קאָמוניסטן ווילן טאָן צום אַרבעטער־רינג. אין אַלע ברענטשעס זיינען מיר געשטאַנען און זיי באַקעמפט. פון זייער סטראַשונאַק איז גאָרניט געוואָרן. די וועלכע זיינען געווען אַזוי זיכער, אַז זיי קענען פאַרכאַפּן דעם אַ.־ר. האָבן זיך אין לויף פון 6 מאָנאַטן געפונען אין דרויסן, סוספענדירט פון אַרבעטער־רינג. און די זעלבע קאָמיטע וועלכע איז געקומען צו די דירעקטאָרן מיט דעם אולטימאַטום: אָדער! אָדער! — זיינען געקומען געשלאָגענע מיט געבויגענע קעפּ בעטן, אַז מען זאָל זיי צוריק אַריינגעמען, און זיי זאָגן צו אַז זיי וועלן שוין זיין גוט און פרום. מיר האָבן זיי דאָן געזאָגט, אַז מיר זיינען זייער צופרידן צו האָבן זיי אויסער דעם אַרבעטער־רינג. עס האָט נאָך גענומען עטלעכע יאָר פּטור צו ווערן פון די רעשטלעך פון קאָמוניסטישן פּעסט.

אָבער ווען ניט דער קלוב, וועלכער האָט אָרגאַניזירט איר מיטגלידערשאַפט פון איבערן גאַנצן לאַנד און זיי געהאַלטן אינפאָרמירט, יע, אַפילו געגעבן אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו באַקעמפן די ברעכער און צעשטערער פון דער אַרבעטער באַוועגונג — ווער ווייסט וואָס עס וואָלט פון אונז געוואָרן.

און איצט, ווען אַלע געפאַרן פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע זיינען פאַריבער, האָט דער קלוב זיך גענומען צו דער הויפּט אויפגאַבע פאַר וועלכער מיר האָבן זיך אָריגינעל אָרגאַניזירט: „חברשאַפט"! צעמענטירן די פריינדשאַפט פון די מיטגלידער וועלכע האָבן ווי בראַווע קעמפער אָפּגעהיט און פאַרטיידיקט די פּרינציפּן און אידעאַלן פון אונדזער באַליבטן אָרדן. 45 יאָר אמתע חברישע יאָרן פון אַ גרופּע אידעאַליסטן.

און דאָ וויל איך אויסדריקן מיין פּערזענלעכן דאַנק און באַוואונדערונג צו אַ מענטשן וואָס מיר דוכט, האָט געווידמעט זיין גאַנצן לעבן דעם קלוב און זיינע שטרעבונגען. אָן אים וואָלט ניט געווען מעגלעך צו געווינען דעם קאַמף קעגן די ברעכער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אונזער טשיף, יעפים ישורין!

זאָל זיין חברשאַפט פאַר נאָך אַ סך יאָרן.

אַ. הימישער

אַ פעליעטאָן?

ליבער טשיף:

ווען איך האָב געעפנט אייער בריוו און גענומען לייענען, אַז איר לאַדעט מיך איין צו שרייבן אַ פעליעטאָן לכבוד דעם 45 יאָריקן יובל פון קלוב, האָב איך אין אָנפאַנג געדענקט, אַז דער בריוו איז צו מיר געשיקט געוואָרן דורך אַ טעות. איך האָב געדענקט, אַז אפשר ווילט איר אַז איך זאָל אייך רופן אויפן טעלעפאָן. עס איז אָבער פאַרט געשריבן „פעליעטאָן".

מיינט טאַקע דער „טשיף" מיך? איך זאָל שרייבן אַ פעליעטאָן? ווי קום איך צו שרייבן פעליעטאָנען?

און אַ געדאַנק פאַלט מיר איין: אפשר אונטערשעץ איך מיין טאַלאַנט — דער „טשיף" ווייסט דאָך אַלעס, איז אפשר טאַקע ווייסט ער, אַז איך האָב יאָ טאַלאַנט...

ביי מיר האָט זיך צעשפּילט די פאַנטאַזיע: איך וועל זיך נעמען צו דער אַרבעט און וועל אָנשרייבן אַ קונסט־ווערק. ווער ווייסט? אפשר וועל איך נאָך פאַר דעם קריגן דעם נאָבעל פּרייז.

אויב יאָ, קען נאָך דער טשיף זאָגן ניין! נעם ניט! און ער וועט נאָך סטראַשען מיך אַרויסצוואַרפן פון קלוב. אויב עס האָט געקענט פּאַסירן מיט פּאַסטערנאַקן אין סאָוועט־רוסלאַנד, טאָ פאַרוואָס קען עס ניט פּאַסירן מיט מיר? אונדזער „טשיף־דיקטאַטאָר" קאָן זיך איינשפּאַרן און אַ זאָג טאָן — לא — מיט אַן אַלף...

דערווייל האָב איך גענומען פּאַפּיר און זיך גענומען שרייבן מיין פעליעטאָן.

אָבער וואָס איז אַ פעליעטאָן? עס איז ניט קיין ליד און זיכער ניט קיין נאָוועלע און אוודאי ניט קיין דערציילונג. אפשר האָט דאָס צו טאָן מיט געבן דעם „טאָן"? עפּעס אַריינזאָגן...

וואָס וויל ער פון מיר דער טשיף? איך גיי אַרום אַ פאַרטראַכטער, שלאָף ניט קיין נעכט און עס ליגט מיר אויפן געדאַנק נאָר איין זאַך — וואָס שרייבט מען?

